היטלער איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט געשטעלט די פּראָבלעם פון פּטור ווערן פון די אידן פון א גאנץ לאנד, פון צווינגען זיי צו פארלאָזן דאָס לאנד, פון עוואקואירן זיי. ער האָט געשטעלט די פראגע ניט ווי א וויסטע אנטיסעמיטישע פאנטאזיע, נאָר ווי א פּראקטישע פּאָליטישע אויפגאבע פון א גאנצער „מאָדערנער“ מלוכה און האָט צוהילף דערדאָזיגער אויפגאבע געלאָזן איז גאנג דעם גאנצן פּראָפּאגאנדיסטישן אפּאראט פון דער נאצי־פארטיי, דעם צוואנג־אפּאראט פון דער נאצי־מלוכה און זיין גאנצע ווירקונג אויף די אויסלענדישע פאשיסטישע עלעמענטן און פרעסע. היטלער׳ס פּאָליטיק פון עוואקואציע איז תיכף אונטערגעכאפּט געוואָרן פון די ציוניסטן, זיין פּראָפּאגאנדע איז אויפגעכאפּט געוואָרן פון דער גאנצער אידישער פרעסע (מיטן אויסנאם פון דער קאָמוניסטישער), און האָט אָנגעהויבן באווירקן די שטימונגען פון די אידישע מאסן. און עס איז געווען ניט מער ווי נאַטירלעך, אז ווען היטלער׳ס **פּאָליטיק צו מאכן דייטשלאנד** „אידנריין“ האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאמקייט פון גאָר דער וועלט, האָבן זיך אין אנדערע לענדער, וואו דער אנטיסעמיטיזם איז א רעדל אין דער רעגירונג־פּאָליטיק, אויך געפונען בעלנים צו נעמען לייזן די אידן־פראגע אויף א היטלערישן אופן, — למשל, אין פּוילן און אין רומעניע.* און ס׳איז ווידער געווען א זעלבסט־פארשטענדלעכע זאך, אז פּונקט ווי די ציוניסטן זיינען געקומען צוהילף היטלערן מיט זייער גרייטקייט ארויסצונעמען די אידן פון דייטשלאנד, אזוי האָבן אנדערע גוטע אידן, ווי למשל, זשאבאָטינסקי, ניט פארפעלט צו קומען צוהילף דער פּוילישער רעגירונג, מיט ז י י ע ר ע פּלענער וועגן עוואקואירן די אידן.

א דאנק אָט־דער שותפות׳דיגער אידעאָלאָגישער טעטיקייט פון די אידן־שונאים און די אידן־רעטער האָט די אידייע פון עוואקואציע אָנגעהויבן ארייננאפּן זיך אין אזעלכע קרייזן, צו וועלכע זי האָט פריער קיין צוטריט ניט געהאט. פון איין זייט, ווי שוין געזאָגט, צווישן די מאסן, וואָס האָבן אָנגעהויבן טראכטן, אז אפשר איז עס טאקע דער בעסטער, אָדער אפילו דער איינציגער אויסוועג פאר אידן: און פון דער אנדערער זייט — צווישן אזעלכע קרייזן, וואָס האָבן שטענדיג מורא ארויסצוברענגען אזא זאך, ווי ארויסצופירן אידן פון די לענדער, וואו זיי געפינען זיך. אויף אזא אופן האָבן פאראיאָרן א גרופּע ענגליש־אידישע מיליאָנערן מיט סער סעמיועל און לאָרד בירסטעד אין דער שפּיץ צוגעטראכט דעם פּלאן צו עוואקואירן פון דייטשלאנד פריער די „אידישע“ קאפּיטאלן און דערנאָך די אידן וועמען די קאפּיטאלן געהערן: אויף אזא אופן האָט לאָרד מעלטשעט, דער אייגנטימער פון די קאָלאָסאלע כעמישע פאבריקן אין ענגלאנד און פון דער כעמישער אונטערנעמונג ביים טויטן ים אין פּאלעסטינע זיך ערשט לעצטן חודש דערטראכט צום „געניאלן“ געדאנק וועגן עוואקואירן די אידן פון דייטשלאנד, פּוילן, עסטרייך, טשעכאסלאוואקיע און נאָך א פּאָר לענדער קיין פּאלעסטינע.

ווי מיר זעען, אלזאָ, האָבן מיר שוין איצט צו טאָן ניט מיט א פאנטאזיע פון קליינשטעטלדיגע מנחם־מענדלס, נאָר מיט א באוועגונג, וואָס שטיצט זיך אויף גאנץ פארשפּרייטע שטימונגען און וואָס שטרעבט פארוואנדלט צו ווערן אין א סיסטעם פון פּראקטישע מעשים. ריכטיגער וועט אפשר זיין צו זאָגן: מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט מנחם־מענדל׳ס א פאנטאזיע, וואָס ווערט א באזיס פון א פּאָליטישער פּראָגראם.

איז דעריבער וויכטיג צו אנאליזירן די פּ א ק ט י ש ע לאַגע מיט די אידן, וועלכע מען זוכט וואו עס איז אהינצוטאָן און די פּראקטישע רעזולטאטן, צו וועלכע דידאָזיגע פּלענער מוזן אומפארמיידלעך ברענגען.

* * *

די ערשטע פראגע וואָס מען מוז זיך שטעלן, איז:

איז עס טאקע א פאקט, אז אידן בכלל האָבן זיך ניט וואו אהינצוטאָן און אז דער איינציגער אויסוועג, וואָס בלייבט פאר זיי, איז צו פארלאָזן די לענדער, אין וועלכע זיי האָבן ביז איצט געלעבט הונדערטער און טויזנטער יאָרן, — צו פארלאָזן עס וואָס שנעלער און אין וואָס גרעסערע מאסן, דאָס הייסט: עוואקואירן זיך, ווי מען עוואקואירט די באפעלקערונג פון א געגנט, אין וועלכער ס׳האָט געטראָפן א פּלוצלינגדיגע קאטאסטראָפע, — א פארפלייצונג, אן ערד־ציטערניש, א וואולקאן אויסברוך, צי א מלחמה?

אויף דער גאנצער וועלט זיינען איצט פאראן ארום 17 מיליאָן

אידן. פון זיי געפינען זיך: אין אַמעריקע איבער 5 מיליאָן אידן, אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איבער 3 מיליאָן, אין מערב־אייראָפּע (ענגלאַנד, פראַנקרייך, בעלגיע, האָלאַנד, שווייץ, איטאַליע) אַרום 1 מיליאָן אידן, אין די אַזיאַטישע לענדער (אייגעשלאָסן פּאַלעסטינע און די באַלקאַנישע לענדער) אַרום 1 מיליאָן אידן, אין טשעכאָסלאָוואַקיע און די באַלטישע לענדער — אַרום אַ האַלבן מיליאָן, אין אַפריקע און אין די פאַרשיידענע קאָלאָניאַל־לענדער — אַרום אַ האַלבן מיליאָן; אין פּוילן אַרום 3½ מיליאָן; אין רומעניע — איבער 1 מיליאָן, און אין דייטשלאַנד — אַרום 400 טויזנט.

קיינעם, אפילו דעם גרויסן „עוואַקואַטאָר" איז ביז איצט ניט איינגעפאַלן צו שטעלן די פראַגע וועגן דעם, אַז די אידן פון אַמעריקע, פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, פון די מערב־אייראָפּעאישע לענדער, פון די אַזיאַטישע, אַפריקאַנישע און פון די באַלטישע דאַרפן צוליב וועלכן עס איז צוועק מאַסנווייז עוואַקואירן זיך פון זייערע היימען. אויב די פראַגע ווערט געשטעלט איז עס אייגנטלעך דערהויפּט וועגן דייטשלאַנד און פּוילן, וועלכע האָבן אינאיינעם אַרום 4 מיליאָן אידישע איינוואוינער. אפילו ווען מען זאָל צו אָט־די לענדער צוגעבן רומעניע און עסטרייך — וואָס וועגן זיי שטייט אייגנטלעך גאָר ניט די פראַגע, — וואָלט זיך באַקומען אַ צאָל פון אַ 5 מיליאָן. דאָס איז אַ גראַנדיעזע צאָל, און ווען מען זאָל טאַקע דאַרפן עוואַקואירן פון זייערע לענדער יעדן איינעם פון אָט־די 5 מיליאָן אידן, וואָלט עס געווען אַן אויפגאַבע, וואָס איז איבער די כחות ניט נאָר פון איינצעלנע מענטשן און פּריוואַטע אָרגאַניזאַציעס, נאָר אפילו פון גאַנצע גרויסע מלוכות. עוואַקואירן 5 מיליאָן אידן פון די לענדער וואו זיי וואוינען איצט אין אַ וועלכן עס איז אַנדער לאַנד אָדער לענדער אין אַ קורצער צייט פון עטלעכע יאָר — און וועגן דעם האַנדלט עס זיך דאָך ביי אונזערע פּאַניק־טרייבער — וואָלט געווען אַ גרעסערע אויפגאַבע, ווי די פאַרצייטיגע פעלקער־וואַנדערונגען. און ניט געקוקט אויף דער פאַנטאַסטישקייט און איבערמענטשלעכער מעגלעכקייט פון דער אויפגאַבע וואָלט זי פאַרט באַרירט ווייניגער ווי אַ דריטל פון אַלע אידן.

נאָכמער: אידן וואוינען אויף אַלע קאָנטינענטן, אין אַלע ציוויליזירטע לענדער פון דער וועלט. זיי לעבן אומעטום אונטער פאַרשיידענע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען. אָבער ווען די פראַגע וועגן עוואַקואַציע וואָלט אפילו געווען אַ רעאַלע פראַגע וואָלט זי אָנגערירט בלויז די אידן פון צוויי־דריי מלוכות, — דאָס הייסט, די פראַגע וועגן עוואַקואַציע וואָלט אַלץ ניט געווען קיין אַלוועלטלעכע אידישע פּראָבלעם, קיין פּראָבלעם, וואָס איז טיפּיש פאַר אַ ל ע אידן, נאָר אַ לאָקאַלע פּראָבלעם, — דאָס הייסט, אַ פּראָבלעם, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש בלויז פאַר געוויסע לענדער, וואו זיי וואוינען.

וואָס־זשע זיינען דאָס פאַר לענדער?

דאָס זיינען: דייטשלאַנד, וואו די ווילדסטע פאָרם פון פאַשיזם האָט זיך באַפעסטיגט זינט 1933; פּוילן, וואו די אַנטיסעמיטן, וועלכע האָבן ווייט ניט באַפעסטיגט זייער מאַכט, פּרואוון אימיטירן היטלערן און זיין אידן־פּאָליטיק; רומעניע, וואו אַנטיסעמיטיזם איז שטענדיג געשטאַנען אויפן טאָג־אָרדענונג און פון וואַנען עס איז פונדעסטוועגן, ניט־געקוקט אויף דעם, קיינמאָל, אפילו ווען דאָס איז מעגלעך געווען, ניט אָנגעגאַנגען קיין גרויסע עמיגראַציע קיין אויסלאַנד.

דער פּאָליטישער רעזשים אין דיזאָזיגע דריי לענדער איז: אַ פאַשיסטישער, אַ האַלב־פאַשיסטישער, אַ פאַשיסטיש־באַווירקטער. די פאַשיסטישע „אָרדנונג", וועלכע מאַכט אויפן עולם אַ שטאַרקן איינדרוק מיט איר אָפענער ברוטאַלקייט, איז אָבער אינגאַנצן אַ נייע דערשיינונג אין פּאָליטישן לעבן. זי האָט זיך ניט נאָר נאָך ווייט ניט באַפעסטיגט אינערלעך (און דערפאַר מוז זי זיך האַלטן דערהויפּט אויף טעראָר), נאָר ס'איז נאָך אפילו פאַר אירע אייגענע פירער ניט קלאָר, אין וואָס זי וועט זיך פאַרוואַנדלען, — אפילו אויב זי זאָל באַקומען די מעגלעכקייט נאָרמאַל און רואיג צו אַנטוויקלען זיך. ווען אפילו מען זאָל אינגאַנצן אויסשליסן די מעגלעכקייט און אומפאַרמיידלעכקייט פון אַ רעוואָלט געגן דעם פאַשיסטישן רעזשים און אַ שנעלע צעפאַלונג פון דעם גאַנצן פאַשיסטישן רעזשים, ווען מען זאָל גאָר ניט בויען אויף דער רעוואָלוציע און שטעלן אַלץ אויף אַן אייביגער קאָנטער־רעוואָלוציע (וואָס דאָס וואָלט דאָך געווען דער ווילדסטער אומזין!), אפילו ביי אַזעלכע באַדינגונגען איז עס אומדערלאָזבאַר איינצורעדן זיך, אַז דער איינציגער אויסוועג וואָס בלייבט פאַר אידן אין דיזאָזיגע לענדער איז וואָס שנעלער נעמען דעם פּעקל אויפן פּלייצע און עוואַקואירן זיך.

וואָרום אויב ד אָ ס וואָלט געווען אַן אויסוועג, איז וואָלט מען דאָך פון איין זייט געדאַרפט נעמען רעדן און טאָן וועגן עוואַקואַציע יעדעס מאָל, ווען אַ רעגירונג בייט זיך אפילו אונטער ניט־פאַשיסטישע באַדינגונגען. וואָרום צווישן די רעגירונגען, וואָס פאַרבייטן זייערע פאָרגייער אין די ניט־פאַשיסטישע לענדער זיינען זייער אָפט פאַראַן אַנטיסעמיטישע און נאַציאָנאַליסטישע, וואָס וואָלטן זייער גערן פּטור געוואָרן פון אידן. אָננעמען אַזאַ מעגלעכקייט, מיינט אָננעמען, אַז אידן דאַרפן אייגנטלעך אַלעמאָל זיצן אויף דער קעלניע און מעסטן דעם פּולס פון די רעגירונגען, וואָס גייען אַריין אין מאַכט אפילו אין די דעמאָקראַטישע לענדער: איז דער פּולס נאָרמאַל — זיצן מיר, הויבט דער פּולס אָן קלאַפּן אַנטיסעמיטיש, איז אַ קלאַפּ מיט דער בייטש און אַוועקגעפאָרן. אַזאַ לאַגע וואָלט דאָך געווען טויזנט מאָל ערגער, ווי אפילו די פּאַנישסטע עוואַקואַציע.

און פון דער אַנדערער זייט: אויב א י ד ן זיינען די, וואָס מוזן אַנטלויפן פון שלעכטע רעגירונגען, וועלכע פאַרמעסטן זיך געגן די אידן, איז פאַרוואָס זאָלן אַנדערע פעלקער אויך ניט אַנטלויפן פון ז י י ע ר ע שלעכטע רעגירונגען, וואָס דערגייען ז י י די יאָרן? לאָמיר אָננעמען, אַז אין דייטשלאַנד זיינען דאָ מיליאָנען מענטשן, וואָס זיינען צ ו פ ר י ד ן מיט היטלער'ס טעראָר־פּאָליטיק. אָבער עס איז דאָך קיין צווייפל ניט, אַז דאָרטן זיינען אויך פאַראַן מיליאָנען אַרבעטער, אינטעלעקטואַלן, פּויערים, וואָס זיינען מיט היטלער'ס פּאָליטיק זייער שטאַרק נ י ט צופרידן, וואָס ליידן פון די נאַציס געבּרענטע צרות. פאַרוואָס זאָלן זיי אויך ניט אָנהויבן טראַכטן וועגן עוואַקואירן דייטשלאַנד און איבערלאָזן דאָס לאַנד פאַר היטלערן מיט זיינע נאָכפאָלגער: זאָלן זיי זיך, הייסט עס, אַליין ווערגן און שטיקן מיט דייטשלאַנד.

מען קאָן, נאַטירלעך, ענטפערן אויף דעם: וואָס גייט א ו נ ז אָן, וואָס די דייטשן, אָדער די פּאָליאַקן, אָדער די עסטרייכער, אָדער די שפּאַניער, אָדער איטאַליענער וואָלטן דאַרפן טאָן? א ו נ ז איז שלעכט, טראַכטן מ י ר וועגן עוואַקואירן זיך. אויב זיי איז שלעכט, זאָלן ז י י טראַכטן וועגן אַנטלויפן פון זייערע לענדער...

דאָס איז אָבער ניט קיין ענטפער. וואָרום ניט־געקוקט אויף אַלע ליידן פון די דייטשע און פּוילישע און שפּאַנישע מאַסן, טראַכטן זיי נ י ט וועגן אַנטלויפן. אַנשטאָט צו פּלאַנעווען ווי צו עוואַקואירן זיך פון זייערע לענדער אַרבעטן זיי מיט דער גרעסטער מסירת נפש, — געהיים אין דייטשלאַנד, עסטרייך, איטאַליע, און אָפן איצט אין שפּאַניע, — ווי אַרויסצושטויסן דעם פאַשיזם פון זייערע לענדער, ווי צו באַקעמפן, באַזיגן און דערשטיקן דעם פאַשיזם. און ווען עס וואָלט ווירקלעך געקומען אַ טאָג, ווען דער איבערוועגנדער טייל פון די אידישע מאַסן אין די לענדער, וואָלט געזאָגט: זאָלן זיי זיך שלאָגן קאָפּ אין וואַנט געגן זייער רעאַקציע, מיר מישן זיך ניט, מיר קעמפן ניט, מיר וועלן בעסער אַנטלויפן וואו די אויגן טראָגן, — ווען אַזאַ טאָג וואָלט קומען, וואָלט עס געווען דער גרעסטער אומגליק אין דער גאַנצער מאַרטירערישער

אידישער געשיכטע. ווארום דאס וואלט געהייסן, אז אידן זיינען אזעלכע פרעמדע פאראזיטן, וואס זיינען אומפעאיג צו קעמפן פאר זייערע אינטערעסן און וואס זיינען מיט דער ארומיגער באפעלקערונג גאר ניט פארבונדן, אז ס'איז פשוט א שאד ארויסצוווארפן וועלכע עס איז כחות אויף צו פארטיידיגן זיי געגן די געמיינזאמע שונאים.

* * *

אבער לאמיר אויף א ווײלע אננעמען, אז די אידישע מאסן אין די פאשיסטישע און האלב־פאשיסטישע לענדער זיינען אזוי געזונקען, זיינען אזוי דעמאראליזירט געווארן פאליטיש, האבן אזוי פארלארן יעדן געפיל פאר דער רעאלער ווירקלעכקייט און יעדע פארבינדונג מיט זייערע היימלענדער, זיינען ארומגעכאפט געווארן פון אזא פאניק, וואס דערלאזט זיי שוין ניט צו דענקען, אז זיי ווילן פון גאר ניט וויסן, און האבן אין זינען בלויז איין זאך: עוואקואירן זיך, אנטלויפן. דאס איז נ י ט אזוי און קאן אזוי ניט זיין; אפילו אין דייטשלאנד און אין פוילן פראטעסטירן די אידישע מאסן און זייערע פירער געגן יעדע אנצוהערעניש אויף עוואקואציע. אבער לאמיר, כדי צו באזייטיגן די פראגע, אויף א ווײלע אננעמען, אז אזא פארלאנג איז יא פאראן ביי אידישע מאסן. אנטשטייט דאך ערשט דעמאלט די נייע און ניט וויניגער וויכטיגע פראגע: נו, אז אידן ווילן זיך שוין עוואקואירן פון דייטשלאנד און פוילן און רומעניע, — האבן זיי וואוהין צו עוואקואירן זיך? איז פאראן א לאנד, וואס ווארט פאר זיי? איז פאראן אן ארט, וואו מ'איז גרייט זיי אויפצונעמען אין גרויסע צאלן?

די ציוניסטן ענטפערן דערויף געוויינלעך, אז אזא לאנד איז פאראן, און אז דאס איז פאלעסטינע: „דאס לאנד אן א פאלק, וואס ווארט אויפן פאלק אן א לאנד". האט דאך אונז שוין די פראקטיק פון די לעצטע 15 יאר, זינט די ערשטע בלוטיגע צוזאמענשטויסן פון די פאלעסטינער אראבער מיט די אידן ביז דעם לעצטן אראבישן גענעראל־סטרייק און באוואפנטן אויפשטאנד, באוויזן, ווי גערן מען איז דארטן אריינצולאזן אידן. און מעגן די ציוניסטן טענה'ן וויפיל זיי ווילן, אז די אידישע איינוואנדערונג קיין פאלעסטינע איז פשוט א גליק פון אלע שטאנדפונקטן פאר דער אראבישער באפעלקערונג פון פאלעסטינע, זעט עס אבער אויס, אז דיזאזיגע טענות מאכן אן איינדרוק בלויז אויף די ציוניסטן. די „באגליקטע" אראבער ווילן פון די גליקן ניט וויסן און ניט הערן, און אויף וויפיל דאס לאנד איז זייערס און די מערהייט איז זייערע און די ברירה פון קאמף געגן דער איינוואנדערונג איז אויך ביי זיי אין די הענט, איז קלאר אז לעגן צו גרויסע האפענונגען אויף א באדייטנדיגער אידישער מאסן־אויסוואנדערונג קיין פאלעסטינע קאן מען ניט. דער פאקט איז, אז די ענגלישע רעגירונג, וואס הערשט איבער פאלעסטינע און וואס האט פאר די לעצטע דריי־פיר יאר צוליב אירע אייגענע פאליטישע צילן באגייסטיגט א גרעסערע אידישע איינוואנדערונג קיין פאלעסטינע, האלט שטענדיג איבער דער אימיגראציע די שטריק פון באגרעניצונג אדער פארבאט, און עס זעט אויס, אז פון איצט אן וועט איר פאליטיק באשטיין אין א שארפער באגרעניצונג פון דער אידישער איינוואנדערונג אין דעם „הייליגן לאנד".

און פונקט ווי די טענות וועגן די גליקן וואס די אראבער האבן פון דער אידישער קאלאניזאציע איבערצייגן בלויז די ציוניסטן און ניט די אראבער, פונקט אזוי וועלן די פראטעסטן אנטקעגן דעם, וואס „ענגלאנד ברעכט איר צוזאג צו די אידן", מאכן אן איינדרוק הויפטזאכלעך אויף אידן, און ניט אויף ענגלאנד. מיט אנדערע ווערטער: ענגלאנד וועט דערלויבן די אידישע איינוואנדערונג קיין פאלעסטינע, אדער באגרעניצן זי, אדער גאר פארבאטן אין הסכם מיט אירע אייגענע אינטערעסן און חשבונות און ניט מיט דעם פארלאנג פון די אידן אין באשטימטע לענדער צו עוואקואירן זיך פון דארטן.

און אפילו ווען ענגלאנד זאל ניט באגרעניצן די אידישע אימיגראציע קיין פאלעסטינע און אריינלאזן אהין די גרעסטע צאל אידן, וועגן וועלכער די ציוניסטן קאנען בלויז פאנטאזירן, ארום א 100 טויזנט א יאר, וואלט עס אויך בשום אופן ניט געהאלפן „עוואקואירן" די אידן פון די פריער־דערמאנטע לענדער און צו לעזן די דארטיגע אידנפראגע דורך אנטלויפן. ווארום רעכענענדיג דעם נאטירלעכן יערלעכן אידישן צואוואוקס דורך געבורטן 20 אויף א טויזנט (וואס דאס איז א מינימום) זעען מיר, אז אין די פאשיסטישע און פאשיזירטע לענדער מיט זייערע 5 מיליאן אידן קומען צו יערלעך ניט וועניגער ווי 100 טויזנט אידן. ווען מען זאל זיי אפילו אלע ארויספירן פון יענע לענדער בלייבט די צאל אידן אין די לענדער כמעט ניט געמינערט און די פראבלעם וועגן זייער ווייטערדיגער עקזיסטענץ און נארמאלן פאליטישן און עקאנאמישן לעבן בלייבט ווי געווען.

גוט, קאן עמיצער זאגן, פאלעסטינע איז טאקע אנגעפילט מיט אראבער און ווערט באהערשט פון ענגלענדער, וואס ווילן ניט קיין אידישע איינוואנדערונג, אדער באגרעניצן זי. אבער וואס הערט זיך מיטן סאוועטן־פארבאנד, און וואס איז מכח בירא בידזשאן? בירא בידזשאן האט דאך יא פלאץ פאר מיליאנען אידן, די סאוועטן־מאכט איז דאך גוט צו אידן, און ווײבאלד אזוי איז אפשר גאר מעגלעך צו עוואקואירן די פינף מיליאן אידן פון די פאשיזירטע לענדער אין סאוועטן־פארבאנד אין בירא בידזשאן און זאל זיין א סוף און אן עק.

אבער אויך דערדאזיגער פלאן איז ניט מער ווי א פאנטאזיע. ווארום ערשטנס זיינען די טויערן פונם סאוועטן־פארבאנד גאר ניט אזוי ברייט צעעפנט ניט נאר פאר אידן פון אויסלאנד, ניט פאר קיין אנדערע איינוואנדערער פון קאפיטאליסטישן אויסלאנד. דער סאוועטן־פארבאנד איז איצט פארנומען מיט בויען דעם סאציאליזם און מיט פארטיידיגן זיך אנטקעגן א פיינטלעכער קאפיטאליסטישער וועלט. דאס בויען פון סאציאליזם האט דעם סאוועטן־פארבאנד געשטעלט פאר אזא שווערער פראבלעם פון דעם אומגעהויערן וואוקס פון די שטעט דורך אן אינוועניגסטער איבערוואנדערונג און פון דער גוואלדיגער ענגשאפט אין די שטעט אלס רעזולטאט פון דעם, אז ער קאן ניט עפענען די טויערן פאר מיליאנען אויסלענדישע אימיגראנטן, וואס וואלטן זיך דאך, נאטירליכערווייז, אויך קאנצענטרירט אין די שטעט. צוליב זיין אינטערנאציאנאלער לאגע קאן דער סאוועטן־פארבאנד אויך ניט אריינלאזן אן שום אויסוואל אין זיינע גרעניצן די בירגער פון די לענדער, פון וועלכע ער קאן שטענדיג דערווארטן אן אנפאל. עס האט אזוי פאסירט, אז אן אנפאל קאן ער דערווארטן גראד מצד דייטשלאנד, פוילן און רומעניע, און טאקע גראד דערפאר, ווייל דאס זיינען פאשיזירטע לענדער. די באציאונגען זיינע מיט די דאזיגע לענדער צוליב זייער רעזשים איז א שטערונג פאר א מאסן־איינוואנדערונג פון זייערע אידישע בירגער, וואס ווילן פון דעם דאזיגן רעזשים אנטלויפן.

און מען דארף בשום אופן ניט פארגעסן, אז די שטערונג איז ניט נאר פון ד ע ר זייט אליין. ס'איז א גרויסע סברה, אז די אידישע עלעמענטן פון די דאזיגע לענדער, וואס האבן מיטלען אויסצואוואנדערן און וואס ווילן ניט אויסקעמפן זייער צוקונפט אויף אן ארט, — אז דידאזיגע עלעמענטן איילן זיך גאר ניט אויסצונוצן אפילו די מעגלעכקייטן אריינצופארן אין סאוועטן־פארבאנד, וועלכע זיינען יא פאראן. עס איז א פאקט, אז פיל פון זיי באטראכטן דעם סאוועטישן סאציאליזם און די אפשאפונג פון פריוואטן האנדל און אינדוסטריע פאר א גרעסערער געפאר פאר זיך, ווי אפילו דעם נאצישן אנטיסעמיטיזם.

מיט אנדערע ווערטער: כדי אריבערצופארן און באזעצן זיך

גינא מעדעם

# אידן אין קובא

פיר טעג ים־רייזע פון ניו יארק ליגט דער אינזל קובא — א קליינע רעפובליק פון קוים אכט קילאמעטער די ברייט.

קובא ציילט אומגעפער 4 מיליאן איינוואוינער, וואס קאנצענטרירן זיך אין די שטעט האוואנא, סאנטיאגא דע קובא און אין קלענערע שטעטלעך און קאמפאס (דערפער).

די לעצטע פינף יאר פלעגן פון דארט קומען בלויז שווערע פאליטישע נייעס פון מיליטערישע דיקטאטארן, פון טעראר פון די גענעראלן, פון פארמאכטע פראגרעסיווע צייטונגען, פון ליקווידאציע פון דער לאקאלער רעוואלוציאנערער ארבעטער באוועגונג, פון פארמאכטן אוניווערסיטעט און פון פארפאלגן יעדן פראגרעסיוון געדאנק, פון דעפארטירן פרעמד־געבוירענע און סטרייקערס.

די נעמען מאטשאדא, מענדיעטא, באטיסטא, זיינען געווארן מוסטערן פון אומדערהערטן טעראר, פון א ווילדער מיטלאלטערלעכער מדרגה, וואס איז היינט דער מעטאד פון פאשיזם און וואס האט אויף דער טאגארדנונג פיזישע אויסראטונג פון פאליטישע געגנער.

מאטשאדא איז אייגנטלעך דער לערער פון ווארגאס אין בראזיל און פון פראנקא אין שפאניע.

עס שטייט א פארמאכטער דער פראכטפולער בנין פון דעם האוואנער אוניווערזיטעט — די ציטאדעל פון דער הערלעכסטער יוגנט־באוועגונג ביז ניט לאנג צוריק. פוסט און פארלאזן זיינען די זאלן און לאבאראטאריעס. פאר'יתומ'ט ליגן די ווייסע, הויכע טרעפ פון גריכישן בנין — איינזאם ברענט אין די אוונטן דאס עלעקטרישע לעמפל פון הויז־היטער; קיין איין מענטשלעכע שטים הילכט ניט איבער די אמאל רוישיגע לאנגע קארידארן און גענג. א קאמעדיע פון א „געזעצגעבונג" קומט פאר אין דעם ווייסן, מארמארנעם „קעפיטאל" — דאס „ווייסע הויז" פון קובא. די גאנצע רעגירונגס־מאכט געפינט זיך אין די הענט פון דעם דיקטאטאר באטיסטא און אלע פראגרעסיווע דעפוטאטן און ווילער האבן באיקאטירט די לעצטע וואלן — שפילט מען זיך דארטן אין „בויען די קאנסטיטוציע"... די ארבעטער מאסן, די ארעמע פויערים ארבעטן אויף די פלאנטאציעס, די קובאנער און מולאטן האבן נישט קיין ברויט, קיין פרייהייט, קיין פאליטישע דעה.

עס איז דעריבער פון דער גרעסטער באדייטונג פאר דעם געזעלשאפטלעכן טוער צו זען, ווי די ארבעטער־שיכטן האבן זיך געפונען קאנאלן און וועגן, דורך וועלכע זיי ארבעטן ביי דיקטאטארישע באדינגונגען, און ווי עס לעבט דערפאר דער רעוואלוציאנערער געדאנק און אימפעט אונטער דער ערד.

די אידישע געזעלשאפטלעכקייט באשטייט פון א 9—10 טויזנט נפשות, אריבערגעקומען דא מיט 10—15 יאר צוריק, מייסטנס פון דער ליטע, פון פוילן, אביסל פון סאוועטן פארבאנד אין זיינע ערשטע יארן, בעת'ן בירגער קריג און ווייסער אקופאציע.

איידער דער דרוק פון דעם אמעריקאנישן אימפעריאליזם איז געווארן א פעסטער און אן אנטשלאסענער, איידער די פאליטיק פון דעם גרויסן „קולאק" איז געווארן אונטערגעכאפט פון דער קובאנער בורזשואזיע און דעם קאלאניאלן גרויס־קאפיטאל, איז אין קובא געוועזן א גאנץ ליבעראלער רעזשים און עס האט זיך אנטוויקלט א שיינע סינדיקאלע טרייד־יוניאניסטישע און פאליטישע באוועגונג צווישן די ארבעטער און א פיינע יוגנט־באוועגונג צווישן די סטודענטן. עס איז געוועזן טעטיג א גאנצע נעץ ארבעטער־ און אינטעלעקטואלן־ארגאניזאציעס. איינע פון די ארגאניזאציעס אויף דער אידישער גאס, ארום וועלכער עס האבן זיך גרופירט די אידישע ארבעטער — דעמאלט נאך א שטאטלעכע צאל פון 1,000 — איז געוועזן די אידישע קולטור געזעלשאפט, מיט אן אייגענעם לאקאל, מיט א ביבליאטעק און לייען־זאל.

עס איז געוועזן די איינציגע און איינפלוסרייכע קולטור־געזעלשאפט אין קובא, וואס האט געטראגן דעם אפקלאנג פון דער היימישער געזעלשאפטלעכער ארבעט פון אייראפע אין די נאך־מלחמה יארן, ווען די יוגנט איז נאך געוועזן פול מיטן הייסן אטעם פון 1917־1920. דאן זיינען געקומען פאר קובא די שווערע טעראר־יארן און אויף דער אידישער גאס איז אויך געווארן אביסל אנדערש. דער פרעזידענט גראו'־סען־מארטין האט געוואלט „ראטעווען" די עקאנאמיע פון קובא, און האט עס טאקע געוואלט טאן אויפ'ן חשבון פון איינוואנדערער, פון דעם „פרעמדן", צוהערנדיג זיך צום געביל פון די שכנה'שע יענקישע רעאקציאנערן, וואס האבן דא אין קאנגרעס געוואלט יארנלאנג דורכפירן דעם „ביל געגן פרעמדע".

עס איז אין קובא איינגעפירט געווארן א געזעץ, לויט וועלכן אין יעדער פאבריק מוזן 50 פראצענט פון די ארבעטער זיין — קובאנער. דאס האט געפירט צו א גרויסער סאציאלער צעטרייסלונג צווישן די אידישע בעלי מלאכות און ארבעטער. שניידער, קאמאשן־שטעפער, שוסטער, סטאלארעס, לעדער־ארבעטער, בעקער,

---

אין סאוועטן־פארבאנד דארף מען ניט נאר זיין גרייט אויסצואוואנדערן, נאר אויך צו באטייליגן זיך אין אויפבוי פון א סאציאליסטישער געזעלשאפט. און גראד די, וואס טראכטן אמערסטן וועגן „ראטעווען זיך" דורך אויסוואנדערן טראכטן ווייניגער ווי אלץ וועגן סאציאליזם, — און די, וואס האלטן מער ווי אלץ פון סאציאליזם זוכן ווייניגער ווי אלץ אן אויסוועג אין מאסן־אויסוואנדערונג.

נאר אויב ניט פאלעסטינע און ניט בירא בידזשאן זיינען פלעצער, וואוהין גרויסע אידישע מאסן, גאנצע אידישע באפעלקערונגען פון די פאשיזירטע לענדער זאלן זיך קאנען עוואקואירן, — איז וואס פאר א נ ד ע ר ע ערטער זיינען פאראן? זיינען טאקע אזעלכע ערטער ניטא. זיי זיינען פאראן פאר הונדערטער, אפשר פאר עטלעכע צענדליג טויזנט אידן א יאר, אבער פאר קיין מיליאנען אויסוואנדערער איז קיין פלאץ אויף דער וועלט איצט, ביים איצטיגן עקאנאמישן און פאליטישן צושטאנד פון דער וועלט ניטא. כדי די לענדער זאלן ווידער ווי אמאל פאר דער מלחמה גרייט זיין פריי צו עפענען זייערע גרעניצן פאר א מאסן־אימיגראציע פון אנדערע לענדער, מוז פארקומען א ראדיקאלע, אן אמת רעוואלוציאנערע ענדערונג איבער גאר דער וועלט. אבער ווען אזא ענדערונג זאל פארקומען, וואלטן די עוואקואציע־שטימונגען ביי די אידן תיכף פארשוואונדן.

דער אויספיר פון דעם אלעמען איז: עוואקואציע איז א פאנטאזיע אויף וויפיל מען האפט דורך איר צו לעזן די פראגע וועגן מ י ל י א נ ע ן אידן.

דאס שפילן זיך אבער מיט דער אידייע וועגן עוואקואציע איז א שווערער פאליטישער פארברעכן, ווייל ניט נאר נארט מען דורך דעם ברייטע אידישע מאסן מיט שעדלעכע און אומאויספירלעכע פאנטאזיעס, נאר מען שוואכט זיי פאליטיש אפ אויף די ערטער, מען שוואכט אפ זייער ווידערשטאנד געגן פאליטישע פארפאלגונגען און מען גיט די אנטיסעמיטן נייע אויסריידן צו דיסקרימינירן געגן אידן און בארויבן זייערע רעכט אויפן גרונט פון דעם, וואס „אידן זיצן דא סיי ווי צייטווייליג און זיינען ניט מער ווי געסט, וואס קוקן בלויז ארויס וואס גיכער צו אנטלויפן פון לאנד".

שרה פעל־יעלין

# ס׳איז אַ ברוזיגע צייט

ס׳איז אַ ברוזיגע צייט ניט קיין ליידיגע שפּיל,
יעדער טראָט מוז זיין קלאָר און געמאָסטן,
ווען אַ בראַנד נעמט אַרום מוז דער קאָפּ בלייבן קיל
און דערשטוינען דעם שונא פאַרהאַסטן!

אין אַ צייט אַזאַ שמידט זיך דאָס לעבן אין פלאַם:
יעדער קלאַפּ איז אַ ריטמישער ציל...
ווען מען מישט פאַר פאַשיזם אַ טויטלעכן סם
טאָר ניט שרעקן זיין בלוטיק געבריל.

ווי אַ קלעפּיגע פלאַג פרעסט די שוואַרצע געפאַר
פונם האַקנקרייץ, קיטל און רוט.
איבער אונזערע קעפּ שפּרייט זיך ווילדער קאַשמאַר
ווי אַ טויטלעכער סם אינם בלוט.

יעדער פיינטלעכער שאָס — אַ פאַרבינדונג סיגנאַל
פאַר די היטער פון פרייהייט אין לאַנד.
אין אַ ברוזיגער צייט יעדע וואונד איז אַ קוואַל —
ווייל מיט בלוט מוז מען לעשן דעם בראַנד.

אין אַן אָפענער שלאַכט ווערן זעלנער געשטאָלט —
ס׳טאָר דעם ציל ניט פאַרפעלן די האַנט!
רייסט פאַרנאַנדער פאַשיזם מיט האַס און רעוואָלט
פון אַ מעכטיק — פאַראייניקטן פראָנט.

---

וועש־נייערנס, שניידערקעס, מאָדיסטקעס — זיי אַלעמען האָט עס זייער שטאַרק געטראָפן.

אַ גאַנץ גרויסער טייל האָט פאַרלאָרן אַרבעט. אַ באַדייטנדיקער טייל איז אַוועק צוריק, אַ טייל איז דעפּאָרטירט געוואָרן, אַ טייל איז געוואָרן אויס אַרבעטער און אָנגעהויבן זיך איבערשיכטן „אויף צוריק": צום האַנדל, צו פעדלעריי, אָדער צו שותפות מיט׳ן באַלעבאָס, כדי צו פאַרבלייבן ביי דער אַרבעט, ביים שטיקל ברויט.

דער פּאָליטישער טעראָר האָט אויך שיטערער געמאַכט די רייען פון די אידישע אַרבעטער — די רע־עמיגראַציע האָט זיך אָנגעהויבן.

אָבער דאָס אינטערעסאַנטעסטע איז, אַז אין די יאָרן פון קאַמף און דעפּרעסיע, אונטער דעם איינפלוס פון דער ניט־אידישער אַרבעטער־גאַס, האָט זיך דער קובאַנער אידישער אַרבעטער פאַרהאַרטעוועט, געשטאָלט, און איז אַרויס פון די לערניאָרן אַ געניטער קעמפער.

נישט אומזיסט האָבן די קובאַנער אַ שם איבער דער אַרבעטער־וועלט פון מוטיגע און האָפנונגספולע מענטשן: זיי זיינען נאָך היינט אויך אויף זייערע „פלאַצואוועקעס", זיי פירן די אידישע געזעלשאַפטלעכקייט פאָראויס, זיי זיינען אומדערשראָקן און אַקטיוו, זיי ווירקן אויף יעדן געביט פון דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט: די סביבה, וואָס האָט אפילו געביטן איר סאָציאַלן סטאַטוס, דאָס הייסט: אפילו די וואָס זיינען געוואָרן פעדלער און הענדלער, זיינען געבליבן פאַרבונדן מיט זייערע אינסטיטוציעס. און דערפאַר איז עס טאַקע פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס אין דער האַוואַנאַ פון באַטיסטאַ זיינען אויף אונזערע לעקציעס געוועזן פונקט אַזויפיל מענטשן ווי אין מעקסיקאָ פון דעם פאָלקס־פּרעזידענט און פריינט פון שפּאַניע, לאַזאַראָ קאַרדענאַס. דערפאַר איז אויך פאַרשטענדלעך דער גאַנצער לעבעדיגער, אַקטיווער לעבנסמוטיגער פאַרנעם פון דער גאַנצער קובאַנער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט. די פּראָגרעסיווע גרופּע דאָמינירט.

מיר האָבן זיך באַנוצט צווייִמאָל מיט דער אידישער ראַדיאָ־שעה, וואו איך האָב באַריכטעט וועגן דעם אידישן קאָנגרעס און ציוניזם, און וועגן בירא בידזשאַן, ווי אַן אויסדרוק פון דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון דער ראַטן־רעגירונג.

מיר האָבן דורכגעפירט דריי לעקציעס (אין „סטערא איזראַעליטא" און ביי דער קונסט־געזעלשאַפט); איין לעקציע פאַר דער יוגנט־סעקציע ביים קלוב, און צוויי באַנקעטן. מיר האָבן געגרינדעט אַ „קובאַנער הילפס־געזעלשאַפט פאַר דעם בוי פון בירא בידזשאַן" און געזאַמלט אויפן באַנקעט איבער 120 דאָלאַר פון די נישט צו הויכע שכירות פון די קובאַנער בעלי מלאכות און קליינע געשעפטסלייט, אַלס אַ מתנה די בירא בידזשאַנער פּיאָנערן.

מיר האָבן דורכגעפירט אָרגאַניזאַציאָנס זיצונגען און געמאַכט פּלענער פאַר ווייטערדיגער אַרבעט, זיך באַקענט מיט אַ גרופּע פון אומגעפער 30 מאַן, וואָס האָט אָרגאַניזירט אַ קאָלעקטיוו פון „קוסטאַרן", וואָס וויל פאָרן העלפן בויען די אידישע אויטאָנאָמע געגנט, כאָטש די מיטגלידער פון דער גרופּע זיינען נישט געטריבן דערצו פון נויט און הונגער.

מיט אומווילן בין איך אַוועקגעפאָרן פון האַוואַנאַ. כאָטש איך האָב דאָרט פאַרבראַכט אַ קורצע צייט, האָט מיך אַ סך באַלוינט דער איינדרוק פון דער אָפּגעשטאַנענער און ציוניסטיש־דורכגעזאַפּטער אידישער מעקסיקאָ. איך האָף אָבער, אַז דער בייִשפּיל פון די קובאַנער, וואָס לעבן ביי שווערע פּאָליטישע באַדינגונגען און אַרבעטן אַזוי אַקטיוו, וועט סטימולירן די צענטראַל־אַמעריקאַנער לענדער, וואו די פּראָגרעסיווע באַוועגונג איז נאָך שוואַך, כאָטש די לופט אַרום איז פריי.

פּיש. ווײַנהויז

# צווייטער סאָוועטן-צוזאַמענפאַר פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט

(סך-הכל'ען און אויסזיכטן)

דריטהאַלבן יאָר זיינען אַריבער זינט עס איז געשאַפן געוואָרן די אידישע אויטאָנאָמע געגנט. פאַר דעם דאָזיגן פּעריאָד האָט די געגנט זיך דערשלאָגן פיל דערפאָלגן. וועגן דעם ריידן די ציפערן און פאַקטן, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן אינם פאָרטראַג פונם אויספיר־קאָמיטעט, און אין אַלע אַנדערע אַרויסטרעטונגען.

עס איז באַדייטנדיק אויסגעוואָקסן די אינדוסטריע פון דער געגנט. די ברוטאָ־פּראָדוקציע פון דער אינדוסטריע און פון דער געווערב־קאָאָפּעראַציע האָט אין יאָר 1934 באַטראָפן 7,6 מיליאָן רובל, און אין יאָר 1936 האָט זי דערגרייכט ביז 36,1 מיליאָן רובל. פאַרן פּעריאָד פונם ערשטן ביזן צווייטן סאָוועטן־צוזאַמענפאָר זיינען אַריין אין דער אַרבעט אַ ריי באַדייטנדיגע אונטערנעמונגען, וואו עס אַרבעטן די אידישע איבערוואַנדערער. עס איז רעקאָנסטרויִרט געוואָרן די מעבל־פאַבריק „דימיטראָוו“, און די פאַבריק „איקאָר“. עס ווערט אָפּגעגעבן אין עקספּלואַטאַציע דער ניי־אויסגעבויטער פאַניער־זאַוואָד, עס זיינען גרייט צו לאָזן אין עקספּלואַטאַציע די ערשטע צעכן פונם וועגנער־זאַוואָד, עס ווערט פאַרענדיגט די בויאונג פון דער גרויסער מעכאַניזירטער ניי־פאַבריק. הײַיאָר ווערט אויך אָפּגעגעבן אין עקספּלואַטאַציע די ערשטע ריי פונם גרויסן מעכאַניזירטן קאַלך-זאַוואָד אין לאָנדאָקאָ.

עס שטייגט אין דער געגנט דער גאָלד־אַרויסבאַקום. די סוטאַרער גאָלד־גריבער האָבן הײַיאָר אויסגעפילט די יאָר־פּראָגראַם דעם 22טן אָקטאָבער. אין סוטארי איז הײַיאָר אויסגעבויט און אָפּגעגעבן געוואָרן אין עקספּלואַטאַציע דער ערשטער מעכאַנישער עלעוואַטאָר. עס ווערן פאַרברייטערט די מאַרמאָר-אויסאַרבעטונג און פון אַנדערע מינעראַלן. דאָס אַלץ שאַפט באַדינגונגען פון אַריינציען וואָס מער איבערוואַנדערער אין די רייען פון די אינדוסטריעלע אַרבעטער.

אין דער געגנט איז פאַראַן אַ ריי גוטע סטאַכאַנאָוועצעס איבערוואַנדערער. אַזוי, צום ביישפּיל, איז אָפן צוזאַמענפאָר אַרויסגעטראָטן דער סטאַכאַנאָוועץ, דער בוי־אַרבעטער ח' געפען, וואָס פילט אויס די נייע נאָרמע אויף 180 פּראָצענט. די צאָל סטאַכאַנאָוועצעס אין דער ניי־פאַבריק באַטרעפט 68 פּראָצענט. מוסטערן פון סטאַכאַנאָווישער אַרבעט באַווייזן אויך די איבערוואַנדערער, וואָס שניידן מאַרמאָר פון 150 מעטער די הייך.

די לעצטע צייט איז צוגעקומען אַ נייער באַדייטנדיגער אָטריאַד איבערוואַנדערער אייזנבאַנער, וואָס באַהערשן מיט דער הילף פון די אַלטע אייזנבאַנער דעם דאָזיגן אַרבעטס־צווייג, וועלכער איז פאַר זיי אַ נייס. וועגן דעם האָבן דערציילט דעם צוזאַמענפאָר די אייזנבאַנער איבערוואַנדערער **קושניר** און **בראָמבערג**. וועגן זייער הילף די איבערוואַנדערער און וועגן דער פּאָליטישער באַדייטונג פון דער דאָזיגער זאַך, וואָס עס איז דורכגעפירט לויט דער איניציאַטיוו פונם חבר לאַזאַר מאָיסייעוויטש **קאַהאַנאָוויטש**, האָבן גערעדט די אָרדן־טרעגער **טשאַגאָטשקין** און **נאַזארענקאָ**.

גרויסע דערפאָלגן האָט זיך דערשלאָגן אויך די לאַנדווירטשאַפט פון דער געגנט. פאַר צוויי יאָר האָט זיך דער פאַרזייי־שטח פאַרגרעסערט פון 19,9 טויזנט העקטאָר ביז 27,3 טויזנט, און דער פאַרזייי־שטח פון ווייץ האָט זיך פאַרגרעסערט פון 8 טויזנט ביז 12,6 טויזנט.

די מעכאַנישע באַוואָפנטקייט פון דער לאַנדווירטשאַפט האָט זיך פאַרגרעסערט פאַר די צוויי יאָר מער, ווי אויף 500 פּראָצענט.

אַזוי, צום ביישפּיל, האָט זיך פאַרגרעסערט די צאָל טראַקטאָרן „סטאַלינצעס“ פון 8 ביז 99; די צאָל קאָמביינען — פון 4 ביז 40.

פון יאָר צו יאָר וואַקסט די גראָטנקייט. דער קאָלווירט אויף אַניקיעווס נאָמען (בירא-בידזשאַנער ראַיאָן) האָט הײַיאָר אַראָפּגענומען אַ גערעטעניש פון קערנער־קולטורן העכער ווי צו 15 צענטנער פון אַ העקטאָר. עס האָבן באַדייטנדיג געהעכערט די גראָטנקייט אויך אַ ריי איבערוואַנדערישע קאָלווירטן. צום ביישפּיל, אינם ראַיאָן, האָט מען הײַיאָר אַראָפּגענומען אַ ווייץ־גערעטעניש ביז 14 צענטנער פון אַ העקטאָר. אין די קאָלווירטן פון סטאַלינער ראַיאָן האָט מען הײַיאָר אַראָפּגענומען אין אַלגעמיין אַ גערעטעניש צו 9—10 צענטנער ווייץ פון אַ העקטאָר, אייניקע אַפילו צו 12 צענטנער; 18—20 צענטנער אנשטאָט 8—10 צענטנער אין די פאָריגע יאָרן.

די מערהייט איבערוואַנדערער פון סטאַלינער ראַיאָן באַקומען הײַיאָר אויף אַ טאָג אַרבעט 6—7 קילאָגראַם תבואה. דער קאָלווירטניק זילבערוואַרג, וואָס האָט ביז 1000 טעג אַרבעט, האָט שוין ניט וואו אַהינצוטאָן די תבואה.

די קאָלווירטן האָבן זיך באַדייטנדיג פאַרפעסטיגט אָרגאַניזאַציאָנעל און ווירטשאַפטלעך. די אידישע אויטאָנאָמע געגנט האָט די ערשטע אינם ווייט־מזרח'דיגן קאַנט פאַרענדיגט דעם פאַרזייי און דעם אַראָפּנעם פון דער תבואה. אין פּרט פון אויספילן די לאַנדווירטשאַפטלעכע אָפּליפערונג גייט די אידישע געגנט אויפן ערשטן אָרט אינם קאַנט.

די לעצטע יאָרן זיינען באַדייטנדיג אויסגעוואָקסן די רייען סטאַכאַנאָוועצעס פון דער לאַנדווירטשאַפט, דער סטאַכאַנאָוועץ גלאָוטשענקאָ האָט פאַר זיין מוסטערהאַפטער אַרבעט באַקומען אַ לענין־אָרדער. דער קאָמביינער זשוראַווליאָוו פון סטאַלינער ראַיאָן האָט הײַיאָר אַראָפּגענומען מיט אַ „סטאַלינעץ“ 415 העקטאָר בײַ אַ נאָרמע פון 180 העקטאָר. עס טיילן זיך אויס אויך די אויסגעצייכנטע סטאַכאַנאָוועצעס איבערוואַנדערער: דער סטאַכאַנאָוועץ באָנדאַריאַנסקי פונם קאָלווירט „רויטער אָקטאָבער“ האָט מיטן קאָמביין אַראָפּגענומען 349 העקטאָר, סונדאַק — 342 העקטאָר, בײַ אַ נאָרמע פון 160 העקטאָר און אַנד.

דער גרונט־פעלער פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער בויאונג אין דער געגנט איז דאָס ניט-דערשאַצן די איבערוואַנדערונג. וועגן דעם האָט מען פיל און שאַרף גערעדט אויפן צוזאַמענפאָר. די צאָל איבערוואַנדערישע לאַנדווירטשאַפטלעכע פאַמיליעס האָט זיך פאַר די צוויי יאָר פאַרגרעסערט אומגעפער בלויז אויף 200, און איצט באַטרעפט זי סך־הכל 580 פאַמיליעס. די צאָל קאָלווירטן איז אויסגעוואָקסן פון 11 ביז 15, דער פאַרזייי־שטח האָט זיך פאַרגרעסערט סך־הכל בלויז אויף 3 טויזנט העקטאָר. דער איבערוואַנדערונגס-פּלאַן אויף הײַיאָר איז געווען אויף 600 פאַמיליעס, נאָר איבער דער שלעכטער אָרגאַניזירונג פון דער בויאונג איז ער דורכגעפאַלן.

— סטאַלינסקער ראַיאָן האָט זייער פיל גוטע ערד, און ער קאָן ווערן אַ שפּייזער פון דער געגנט. די איבערוואַנדערער, וואָס זיינען געקומען הײַיאָר אַהער, האָבן צו 3—4 קילאָגראַם תבואה אויף אַ טאָג אַרבעט. אָבער דער ראַיאָן ווערט ווייניק באַזעצט — האָט דערקלערט דער פאָרזיצער פון סטאַלינסקער אויספירקאָם ח' גאָלדבערג.

— אַ געגנטלעכער טוער איז אין אונזער ראַיאָן אַ זעלטענער גאַסט — זאָגט ווייטער חבר גאָלדבערג. — שלעכט באַדינט די קאָלווירטן די געברויך־קאָאָפעראַציע, עס פעלן די מינימאַלע קולטורעלע באַדינגונגען: בעדער, פאַריקמאַכערייען, רויטע ווינקלען און אנד. קולטורעלע אנשטאַלטן.

— די באַשטימונג פון סאָוועטן־רעגירונג וועגן דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט איז אַ היסטאָרישער דאָקומענט — האָט דערקלערט דער פאָרזיצער פון סמידאָוויטשער ראַיאָנעם אויספירקאָמיטעט ח' מינסקי, — דעריבער דאַרף די לאַנדווירטשאַפטלעכע איבערוואַנדערונג ווערן די צענטראַלע אויפגאַבע פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט. אונזער ראַיאָן קאָן אויפנעמען מער איבערוואַנדערער. מע דאַרף שאַפן באַ אונז אַן איבערוואַנדערישן פישפאַנג־קאָלווירט.

אין פרט פון וואוילאיינאָרדענונג זיינען די ראַיאָנען צענטערן שלעכט אַוועקגעשטעלט. אין סמידאָוויטש איז פאַראַן אַ באַפעלקערונג פון 7 טויזנט מענטשן, און פונדעסטוועגן איז דאָ ניטאָ קיין איין גוטער קלוב, עס איז ניטאָ קיין קלאַנגען־קינאָ; דער געגנטלעכער מלוכה־שער טעאַטער פאָרט כמעט ניט אַרויס אויף דער פעריפעריע. — וועגן דעם האָט גערעדט דער פאָרזיצער פון בליוכעראָווער ראַיאויספירקאָם ח' קאָשעווסקי און אַנד.

אָבער דערמיט ווערט ניט אויסגעשעפט דער גאַנצער קרייז פראַגן פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער איבערוואַנדערונג, וואָס מען האָט באַרירט אויפן צוזאַמענפאָר.

אַ היפש אָרט אין די דעבאַטן האָט פאַרנומען די פראַגע פון קולטור־בויאונג. דערפאָלגן פון דער קולטור-בויאונג אין דער געגנט זיינען פאַראַן. די צאָל שולן איז פאַרגרעסערט געוואָרן פון 83 ביז 119. די צאָל שילער האָט זיך פאַרגרעסערט פון 10 ביז 15 טויזנט. גרויס איז דער וואוקס פון די שולן אויף דער אידישער שפראַך: אין יאָר 1934 זיינען געווען 52 קלאַסן מיט 690 שילער, איצט — 110 קלאַסן מיט העכער 2 טויזנט שילער.

עס זיינען געשאַפן געוואָרן דער באַרג־מעטאַלורגישער טעכניקום, דער פעדאַגאָגישער און מעדיצינישער טעכניקומען. עס זיינען אויך אויסגעוואָקסן די לערער־קאַדרען: פון 373 ביז 600. די צאָל קינדער-גערטנער איז אויסגעוואָקסן פון 37 ביז 86. אין דער געגנט איז פאַראַן אַ באַדייטנדיגער טעאַטער־קאָלעקטיוו. עס האָט זיך דאָ באַזעצט אַ גרופע שרייבער. עס האָט אָנגעהויבן דערשיינען דער זשורנאַל „פאָרפאָסט“. דער צווייטער נומער פונם דאָזיקן זשורנאַל האָט פאַרשאַפט פרייד די דעלעגאַטן פונם צוזאַמענפאָר.

די דערפאָלגן זיינען גרויסע, אָס האָבן די דעלעגאַטן אָנגעוויזן, אַז די קולטור־און מאַסן־אַרבעט איז איינע פון די אָפגעשטאַנענע באַצירקן אין דער געגנט.

— דאָס לעבן איז איצט געוואָרן פאַרמעגלעכער, די קולטורעלע באַדערפענישן זיינען איצט אויסגעוואָקסן, — זאָגט דער אָרדענטרעגער ח' נאַזאַרענקאָ, — און די קולטור-אַרבעט שטייט אָפ. אין דאָרף זעט מען ניט אָן קיין קינאָ, עס ווערט שוואַך געפירט די אַרבעט פון ליקווידירן דעם אַנאַלפאַבעטיזם, עס איז ווייניק פאַנאַנדערגעוויקלט די נעץ אָוונט־בילדונג א. א. וו.

— מיר דאַרפן וואָס בולטער אויסדריקן די נאַציאָנאַלע פאָרם פון אונזער סאָציאַליסטישער קולטור, — שטרייכט אונטער אין זיין רעדע דער ח' ראָכי, — מע דאַרף ריידן אויף אידיש, און מע דאַרף ריידן קולטורעל, מען דאַרף איינוואָרצלען מער די ליטעראַטור. דער איבערוואַנדערער האָט רעכט צו פאָדערן פון די גאָרקיכן נאַציאָנאַלע געריכטן.

— אין דער באַשטימונג פון דער סאָוועטן־רעגירונג זאָגט זיך, אַז די אידישע אויטאָנאָמע געגנט ווערט דער צענטער פון דער אידישער קולטור — דאָס פאַרפליכט אונז אַ סך. ניט געקוקט אויפן וואוקס פון די אַסיגנירונגען אויף געזונט־אָפהיטונג, ניט געקוקט אויפן וואוקס פון די מעדיצינישע קאַדרען און פונקטן, איז דאָך די מעדיצינישע באַדינונג פון דער געגנט אַוועקגעשטעלט ווייט ניט צופרידנשטעליג. עס פעלן קוואַליפיצירטע דאָקטוירים; די בויאונג פון דעם נייעם גרויסן בירא-בידזשאַנער שפיטאָל איז האַיאָר אָפגעריסן.

צוויי מעת־לעת האָט געדויערט דער צוזאַמענפאָר. עס האָבן זיך אַרויסגעזאָגט העכער 50 מאַן. אין די דעבאַטן זיינען אַלזייטיג באַרירט געוואָרן די פראַגן פון דער סאָוועטישער, ווירטשאַפטלעכער און קולטורעלער בויאונג פון דער געגנט. מען האָט אָנגעוויזן אויף דער נויטיקייט צו פאַרברייטערן און פאַרבעסערן די וועג־בויאונג. וועגן דעם, אַז מען דאַרף אָנהויבן בויען געמויערטע הייזער, האָט אין זיין אַרויסטרעטונג גערעדט ח' ראָכי.

ח' קאַטעל האָט אין זיין גרויסער רעדע וועגן דער פאָליטישער באַדייטונג פונם וויכטיקסטן דאָקומענט פון אונזער צייט, וועגן דעם פראָיעקט פון דער סטאַלינישער קאָנסטיטוציע, באַרירט די אויפגאַבן, וואָס שטייען פאַר דער געגנט. ח' קאַטעל האָט באַטאָנט, אַז מען דאַרף אַריבערגיין פון יאָר־פלענער פאַר דער בויאונג פון דער געגנט, צו גרעסערע פלענער מיט אַן איינשטעלונג אויף אַ ריי יאָרן.

צום שלוס פונם צוזאַמענפאָר איז מיט אַ גרויסער רעדע אַרויסגעטראָטן דער סעקרעטאַר פונם געגנט־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי ח' אַנשין.

אויפן צוזאַמענפאָר איז גענוי באַהאַנדלט געוואָרן דער גלענצנדיגער דאָקומענט פונם זיגרייכן סאָציאַליזם — דער פראָיעקט פון דער סטאַלינישער קאָנסטיטוציע. פול מיטן געפיל פון טיפסטער פרייד פאַר די דעראָבערונגען פון די פעלקער פונם פאַרבאַנד, וואָס זיינען געשילדערט אינם גרויסן היסטאָרישן דאָקומענט, האָבן די דעלעגאַטן מיט אַ באַזונדער פלאַמיגער ליבע אַרויסגערעדט דעם נאָמען פונם גרויסן פירער פון די אַרבעטנדיגע און פון די אונטערדריקטע, דעם נאָמען פונם קלוגשאַפטלעכן לערער און פירער חבר סטאַלין.

אַנאַליזירנדיג און באַהאַנדלענדיג פונקט נאָך פונקט דעם פראָיעקט פון דער קאָנסטיטוציע, האָבן די חברים וואָס זיינען אַרויסגעטראָטן אין די דעבאַטן, באַשטעטיגט מיט זייער פערזענלעכן לעבן די גרויסע דעראָבערונגען וואָס זיינען פאַרפיקסירט אינם היסטאָרישן דאָקומענט.

מיט אַ באַזונדער פרייד און גליק האָבן די דעלעגאַטן גערעדט וועגן דער פריינטשאַפט פון די פעלקער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, וועגן דער פאַרווירקלעכונג פונם הייסן וואונטש פונם אידישן פאָלק. — וועגן דער שאַפונג פון דער נאַציאָנאַלער אידישער מלוכה'שאַפט.

מיט ח' אַנשינ'ס רעדע ווערן די דעבאַטן געשלאָסן.

דער זאַל ווערט אויפגעטרייסלט פון הילכיגע אַפלאָדיסמענטן און „הוראַ“־געשרייען לכבוד דעם גרויסן סטאַלין. דער גאַנצער זאַל שטעלט זיך אויף און זינגט דעם „אינטערנאַציאָנאַל“.

עס ווערט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וואָס באַווילינט איינמוטיג דעם קאָנסטיטוציע־פראָיעקט און עס ווערן אָנגעמערקט די ווייטערדיגע אויפגאַבן פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט.

דער צוזאַמענפאָר שליסט איינשטימיג אויס פונם אויספירקאָם דעם נידערטרעכטיגן קאָנטר-רעוואָלוציאָנער ליבערבערגן, און ער וויילט אויס אַ ריי נייע מיטגלידער, צווישן זיי דעם ח' קאַטעל.

דער צוזאַמענפאָר האָט אויך אויסגעוויילט אַ דעלעגאַציע אויפן וויט־מזרח'דיגן קאַנטישן סאָוועטן־צוזאַמענפאָר אין באַשטאַנד פון 37 מאַן.

דער צוזאַמענפאָר האָט געשיקט אַ באַגריסונג־טעלעגראַמע דעם חבר סטאַלין און באַגריסונגען די חברים קאַלינין, מאָלאָטאָוו, קאַהאַנאָוויטש, לאַווערענטיעוו, בליוכער, פאָסטישעוו. עס איז אויך געשיקט געוואָרן אַ באַגריסונג־טעלעגראַמע דעם העראָאישן שפאַנישן פאָלק.

# דער אָפּקלאַנג וועגן אויפבוי פון ביראָ-בידזשאַן

(וואָס עס זאָגן וועגן דער באַשטימונג די סאָוועטישע אידישע שרייבער און סטאַכאַנאָווצעס)

אזוי שנעל, ווי די סאָוועטן־רעגירונג האָט פאַרעפנטלעכט איר באַשטימונג וועגן דעםווירטשאַפטלעכן און קולטורעלן אויפבוי פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט, איז באַלד ארויסגעקומען די אידישע סאָוועטישע פּרעסע און די אידישע שרייבער און דיכטער און אויסגעדריקט זייער מיינונג וועגן דער באַדייטונג פון דער דאָזיגער היסטאָרישער דעקלאַראַציע פון דער סאָוועטישער מלוכה. (דעם פולן טעקסט פון דער דעקלאַראַציע האָבן מיר געדרוקט אין „ניילעבן" פון לעצטן חודש).

גלייכצייטיג האָט די רעדאַקציע „עמעס" פון מאָסקווע איינגעלאַדן אויף אַ באַראַטונג אידישע סטאַכאַנאָווצעס פון פאַרשיידענע צווייגן פון דער סאָוועטישער אינדוסטריע. דער צוועק פון דער דאָזיגער באַראַטונג איז געווען: צו הערן זייערע מיינונגען וועגן די בעסטע מעטאָדן וואָס זאָלן אָנגעווענדט ווערן ביי דער אויפבויאונג פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט, כדי צו קאָנען וואָס שנעלער און וואָס בעסער דורכפירן די אָנווייזונגען פון דער סאָוועטן־מלוכה אין דעם גייסט פון דער דעקלאַראַציע.

אויף דער באַראַטונג מיט די סטאַכאַנאָווצעס זיינען אויך געווען אנוועזנד די טוער פון דעם „געזערד" און „קאָמערד" דימאַנשטיין, ב. א. טראָצקי, ראשקעס, איידעלמאַן, באַיאַרסקי און קאַמענעצקי, און די שרייבער: ד. בערגעלסאָן, ש. גאָדינער, י. דאָברושין, ש. האַלקין, נאָטע לוריע, פּרץ מאַרקיש, ע. פינינבערג, ה. ראַסין און אַלע מיטגלידער פון דער רעדאַקציע פון „עמעס" און דער וויכטיגער אוקראַינישער סאָוועטישער טוער, דער פאָרזיצער פון דעם אוקראַינישן „געזערד" חבר מ. קאַטעל, וועלכער איז דעם 23טן אָקטאָבער — דריי טעג נאָך דער באַראַטונג — אָפּגעפאָרן אויף אָנצופירן מיט דער וויכטיגער אַרבעט אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט, צו וועלכער ער איז באַשטימט געוואָרן.

ווייל עס וועט זיין אוממעגלעך איבערצוגעבן דעם פולן אינהאַלט פון די וויכטיגע געדאַנקען און מיינונגען, וואָס זיינען פון די שרייבער, טוער און סטאַכאַנאָווצעס ארויסגעזאָגט געוואָרן, וועלן מיר דאָ בלויז געבן אויסצוגן פון איינִיגע שטעלן פון זייערע מיינונגען, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער געהויבענער שטימונג, וואָס די סאָוועטישע מלוכה־דעקלאַראַציע וועגן ביראָ־בידזשאַן האָט ארויסגערופן צווישן אַלע שיכטן פון דעם אידישן סאָוועטישן לעבן.

## מיינונגען פון אידישע סאָוועטישע שרייבער

**ש. גאָדינער:**

פון טאָג צו טאָג כפל'ען זיך די כחות, וואָס פעסטיגן און שטאַרקן אונזער היימלאַנד, אונזער שטאָלץ און אונזער רום — דעם פאַרבאַנד סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן.

פון טאָג צו טאָג ווערט ברייטער און לויטערער דער וועג, און קלאָרער זעט זיך שוין דער ציל — קאָמוניסטישע געזעלשאַפט —אפילו פאַר די סאַמע לעצטע און אָפּגעשטאַנענע אין דער 170-מיליאָניגער קאָלאָניע בויענדיגע פעלקער באַ אונז אין לאַנד.

פון טאָג צו טאָג ווערן אַלץ שנעלער און האַסטיגער די טעמפּן פון צוניופשמעלצן אין איין אומבאַזיגבאַרן מאָנאָליט (אויסגעגאָסן פון איין שטיק) אָט די 170 מיליאָן ווילנס, געפילן און געדאַנקען.

ביי יעדן טראָט אין אָט־דעם וואונדערלעכן וועג, באַ יעדן מינדסטן קער אין אָט־דעם אַלוועלטלעך־היסטאָרישן מאַרש, אין יעדן ווייטסטן ווינקעלע פון אָט דער מעכטיגער קאָלאָנע לאָזט זיך פילן, לאָזט זיך זען און הערן אָט דער וואוקס פון כחות, אָט דער זיך־לייטערנדיגער וועג, אָט־די וואַקסנדיגע און זיך שטאַרקנדיגע איינהייט פון אַלע אונזערע פעלקער.

דער אורשפּרינגלעכער כח, די מוטער פון אָט־די אַלע כחות, וואָס בויען איבער די וועלט — איז די מאַרקס־לענין־סטאַלינישע לערע וועגן די געזעצן פון דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט און די טאָג־טעגלעכע אָנווענדונג פון אָט-דער לערע אין דער פּראַקטיק פון לעבן דורך אונזער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פאַרטיי (באָלשעוויקעס).

די רעוואָלוציע האָט צוגעטראָגן די אידישע אַרבעטנדיגע מאַסן, וואָס איז אַן אָרגאַנישער טייל פונם גאַנצן סאָוועטישן פאָלק, וואָס האָט האַנט־באַ־האַנט און אַקסל באַ אַקסל צוזאַמען מיט אַלע אַרבעטנדיגע זיך געשלאָגן אויף די פראָנטן פון בירגער־קריג פאַר דער רעוואָלוציע און געגן דער קאָנטר-רעוואָלוציע, וואָס זעצט פאָר דעם קאַמף פאַר סאָציאַליזם און געגן קאַפּיטאַליזם, — אַ פּרעכטיגע געגנט, צוויי מאָל אזוי די גרויס פון אַ בעלגיע און צענדליגער מאָל רייכער פאַר איר; די רעוואָלוציע האָט אויסגעכאָוועט אַ מיליאָניגע אידישע אַרבעטנדיגע מאַסע, אַ הויך־קוואַליפיצירטע מיט דער אַרבעט און סאָציאַליסטישן באַוואוסטזיין. פאַר אונזערע אויגן נעמט זיך אָט־די נייע מיליאָניגע מאַסע סאָוועטישע אידן צו דער אַרבעט אויף זייער נייער סאָציאַליסטישער ערד, — שוין איצט קאָן מען אין דער שטאָט ביראָ־בידזשאַן און אין אַלע אַנדערע פונקטן פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט זען די קאָנטורן פון דער קומענדיגער בליענדיגער אידישער, סאָוועטישער, סאָציאַליסטישער, מאַטעריעלער און גייסטיגער קולטור. אונזער חוב איז — דערטראָגן אָט־דעם ליכטיגן קער אין דער געשיכטע פון די אידישע אַרבעטנדיגע צו די סאַמע אָפּגעשטאַנענסטע שיכטן. אונזער חוב איז: אַרבעטן אזוי, אַז די העכסטע אָרגאַנען פון אונזער אַלגעמיינעם היימלאַנד — דער סאָוועטן־פאַרבאַנד — זאָלן אין דער סאַמע נאָענטסטער צייט פאַרשרייבן אויף די פאָדערשטע בלעטלעך פון דער געשיכטע פון דער ערשטער אין דער וועלט סאָציאַליסטישער מלוכה, אַז די אַרבעט אויסצובויען דעם פונדאַמענט פון אַ אידישער מלוכה'שאַפט, וועלכע איז אָנפאַרטרויט געוואָרן די אידישע סאָוועטישע אַרבעטנדיגע, איז אָפּגעטאָן געוואָרן אויף גוט!

**י. דאָברושין:**

„צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע — ווערט געזאָגט אין דער דאָזיגער היסטאָרישער באַשטימונג — באַקומט דער אידישער אַרבעטנדיגער מלוכהשע אַקטן אויף זיין אייגענער שפּראַך, — אויף דער מלוכה'שער שפּראַך פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט". די אידישע שפּראַך באַקומט אויף אזאַ אופן אַ פולקומען מלוכה'שן באַרייט.

און די אידישע סאָוועטישע ליטעראַטור? — ווי גליקלעך זיינען אונזערע שרייבער און דיכטער, וואָס דאַרפן די ערשטע אין דער געשיכטע נעמען אויף זיך די דאָזיגע גרויסע און דאַנקבאַרע פאַראַנטוואָרטלעכקייט — דערפירן די אידישע ליטעראַטור, אופהויבן איר ווערט, זי זאָל שטיין אויף דער הויך פון איר פולער און פילאַרטיגער מלוכה'שער אַנלאַדונג, זי זאָל פאַרקערפּערן אין בילד און געשטאַלט דאָס אַלזייטיגע פולבלוטיגע לעבן פון דער סאָוועטישער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט מיט אַ נאַציאָנאַלער בלוכהשקייט, מיט אַ נאַציאָנאַלער קולטור, וואָס איז סאָציאַליסטיש לויטן אינהאַלט.

אינם ערשטן נומער „פאָרפּאָסט" האָט דער סטאַכאַנאָוועץ פון

דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט, דער חבר שאַטיילע געשריבן:
„איך וויל, אַז איך זאָל דאָ קאָנען זאָגן: ווייזט מיר אָן אַ שטוב, וואָס איך האָב אין איר קיין חלק ניט!“

די דאָזיגע אויסגעצייכנטע סטאַכאַנאָוויש־האַרציגע ווערטער זיינען אַן אַרויסרוף פאַר יעדן איינעם. זיי רופן אַרויס די אידישע סאָוועטישע ליטעראַטור צו באַוואָרענען זיך מיט איר חלק אין דער בויאונג פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט.

די אידישע סאָוועטישע שרייבער דאַרפן מיט וואָרט און טאַט, פאַראַנטוואָרטלעך און אָרגאַניזירטערהייט נעמען אויף זיך מיטצוהעלפן אין דער פאַרווירקלעכונג פון די מאָסמיטלען, וואָס ס'האָט אָנגעמערקט די באַשטימונג פונם פרעזידיום פונם צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט. פאַרווירקלעכן די געבאָטן פון דער דאָזיגער באַשטימונג באַרייט דאָס זיכערן דעם וועג, וואָס וועט פירן צום פאַנאַנדערבלי פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט, דעם וועג, וואָס וועט פירן צו איר ווייטערדיגן וואוקס און אַנטוויקלונג ביז צו פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אויטאָנאָמער אידישער סאָוועטישער סאָציאַליסטישער רעפּובליק.

---

פּרץ מאַרקיש:

אינם 123טן אַרטיקל (פון דער נייער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע) ווערט געזאָגט:

„די גלייכבאַרעכטיגונג פון די בירגער אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, אומאָפּהענגיג פון זייערע נאַציאָנאַליטעטן און ראַסע — אין אַלע געביטן פוןווירטשאַפטלעכן, מלוכה'שן, קולטורעלן און געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן לעבן, איז אַן אומבאַשרייטבאַרער געזעץ“.

ס'איז ניט קיין צופאַל, וואָס אין די צוגאָבן וואָס ווערן זייט פינף חדשים אַריינגעטראָגן אין דעם דאָזיקן פּראָיעקט דורך די אַרבעטנדיגע פון אונזער פאַרבאַנד, איז געווען אַ פאָרשלאָג פון אַ רוסישן אַרבעטער — אַמשנעלסטן פאַרוואַנדלען די אידישע אויטאָנאָמע געגנט אין אַ אידישער סאָציאַליסטישער ראַטן־רעפּובליק! דאָס באַווייזט דעם אידייאישן גראַד ברידערלעכקייט פון אונזערע פאַרבאַנדישע פעלקער, די הויך פון זייער סאָציאַליסטישן באַוואוסטזיין און באַזונדערס — זייער געזעלשאַפטלעכע רייפקייט, מיט וועלכער זיי באַגעגנען דעם מענטשלעכסטן דאָקומענט פון דער געשיכטע, וואָס איז אויסגעטרוימט געוואָרן אין משך פון יאָרטויזנטער דורך די שענסטע דענקער און רעוואָלוציאָנערן!

און די באַשטימונג פונם צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פונם פאַרבאַנד פון סאָציאַליסטישע ראַטן־רעפּובליק וועגן דער סאָוועטישער ווירטשאַפטלעכער און קולטורעלער בויאונג פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט איז די גרויסע פאַרווירקלעכונג, די גרויסע ליבע און זאָרג וועגן די פעלקער פון אונזער פאַרבאַנד, וואָס איז דער גייסט און דער תוך פון אונזער גרויסער קאָמוניסטישער עפּאָכע און פון איר געניאַלער רעכטלעכער דעקלאַראַציע — פון דער סטאַלינישער קאָנסטיטוציע

מיט דער דאָזיגער באַשטימונג הויבט אָן אין דער גאַנצער טיף און ברייט פאַרווירקלעכט ווערן דער היסטאָרישער טרוים פון דעם אונטערדריקטן אידישן פאָלק. ס'זיינען פאַנאַנדערגעעפנט געוואָרן אַזעלכע פּערספּעקטיוון און מעגלעכקייטן, וואָס קאָנען און וועלן ברענגען צו דער אַנטפּלעקונג די גאַנצע אָנגעזאַמלטע ענערגיע פונם אידישן פאָלק אויף אַלע געביטן: סיי פון מלוכה'שער נאַציאָנאַלער בויאונג, סיי אויפן געביט פון קולטור און קונסט.

דאַמאָלט, ווען אין די לענדער, וואו עס ווילדעוועט דער פאַשיזם, ווערן מיליאָנען אידן אַראָפּגעווישט פון דער ערד אין בלוט, אין שאַנד און אין שפּאָט; דאַמאָלט, ווען די פאַשיסטישע פירערס פונם באַנקראָטירטן ציוניזם און די פאַקטישע דיענשטשיקעס פון אַדאָלף היטלער באַשעפטיגן זיך מיט אָפּקויפן אידן ביי איין פאַשיסטיש לאַנד פאַר אַ צווייטן — פּונקט, ווי ס'וואָלט זיך געהאַנדלט ניט וועגן אַ לעבעדיגן פאָלק, נאָר וועגן „טויטע נפשות“, מיט וועלכע טשיטשיקאָוו האָט מאַשטעטיגט זיינע „פאַרמעגנס“, — קלינגט אַדורך די דאָזיגע היסטאָרישע באַשטימונג וועגן דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט, וועגן אַ אידישער נאַציאָנאַלער היים אין אונזער גרויסן פאַרבאַנד פון סאָציאַליסטישע רעפּובליקן, ווי דער אָנהויב פון דער קאָנסטיטוציע פון דער צוקונפטיגער אידישער סאָציאַליסטישער ראַטן־רעפּובליק אין בירא-בידזשאַן!

---

מ. קולבאַק:

עס איז ניט אָפּצושאַצן, וואָס פאַראַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג עס האָט די באַשטימונג פונם פּרעזידיום פונם צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פון דער סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַר דער געשיכטע פונם אידישן פאָלק.

די באַשטימונג באַווייזט, אַז נאָר די לענינישסטאַלינישע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק קאָן לייזן ענדגילטיג די אַזוי גערופענע אידן-פראַגע.

אידן זיינען געוואָרן אַ פאָלק נאָר אין ראַטנפאַרבאַנד.

פאַר די אַלע אַרבעטנדיגע אידן, ווי פאַר אַלע אַרבעטנדיגע פון דער גאַנצער וועלט איז פאַראַן נאָר איין היימלאַנד — דער סאָוועטן־פאַרבאַנד.

---

י. בראָנשטיין:

קיין פאַשקאָווע (אידישע אויטאָנאָמע געגנט) זיינען מיר — אַ גרופּע אידישע סאָוועטישע שרייבער (**איציק פעפער, ליפּע רעזניק** און איך) — אָנגעקומען מיטן אַמור אין אַ זומערדיקן באַגינען.

דאָ איז אַמאָל געווען דאָס האַרץ פון דער באַרימטער „קאָלעסוכע“ — דער באַלעגאָלישער שליאַך, וואָס דער צאַריזם האָט אויסגעבויט אין די געדיכטעענישן פון דער טייגע — אויסגעבויט אויף ד י ביינער פון צענדליגער טויזנטער פאַרפּייניגטע קאַטאָרזשניקעס.

איך האָב זיך דערמאָנט אָן פאַשקאָווע, אין אָט דעם וואונדערשיינעם שווייץ־ווינקל, ווען איך האָב געלייענט די לעצטע באַשטימונג פונם צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד וועגן דער סאָוועטישער, ווירטשאַפטלעכער און קולטורעלער בויאונג פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט. עס איז אַ דאָקומענט פון וועלט־היסטאָרישער באַדייטונג!

דאָס פיל־געליטענע, העראָאיש אידיש פאָלק האָט אין דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע געפונען זיין פולשטענדיגע אויסלייזונג. ווען איר כפל'ט די העראָאיק (העלדישקייט) פון דעם פּאַרטיזאַנישן קאַמף הינטער וואָלאָטשייעווקע (אידישע אויטאָנאָמע געגנט) אויף דער העראָאיק פון דורות רוסלענדישע פּאָליטישע קעמפער, וואָס האָבן אויף דער קאַטאָרגע פונם ווייטן מזרח געגרייט זיך צום קינפטיגן לעצטן אָקטאָבער-שלאַכט; אויף דער העראָאיק פון אידישע האָרעפּאַשניקעס, וואָס ווייזן סטאַכאַנאָווישע וואונדער אויף די קאָלווירטישע פעלדער פון דער אידישער געגנט; אויף דער העראָאיק פון אונזערע העלדישע גרענצלער, וואָס באַוואַכן אונפער סאָציאַליסטיש פאָטער-לאַנד אויף אונזער ווייט־מזרח'דיגן ראַנד, באַקומט איר יענעם געפיל פון מעכטיגער העראָאישער פּאַטעטיק וואָס באַהויכט אָט די באַשטימונג פון צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט וועגן דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט.

מיליאָנען אידישע אַרבעטער און האָרעפּאַשניקעס פון דער גאַנצער וועלט וועלן מיט באַגייסטערונג באַגעגענען אָט די נייע וואונדערבאַרע אַנטפּלעקונג פון דער לענין־סטאַלינישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק.

ר. יוקלסאָן

# נאַציס עפענען אַן אינסטיטוט פאַר אַנטיסעמיטיזם

**די אויפגאַבן פון דעם אינסטיטוט. — ווידער פּאָגראָמען אין פּוילן און אין רומעניע. — דער אַנטיסעמיטן־צוזאַמענפאַר אין רומעניע. — אַנטיסעמיטישע כוואַליע שטייגט אין ליטע, בראַזיליע און מעקסיקאָ. — גזרות קעגן אידן אין בעלגיע. — זשאַבאָטינסקי באַראַבאַנעוועט מיט זיין „עוואַקואַציע״־פּלאַן. — וואו איז אַהינגעקומען דער „אַלוועלטלעכער״ אידישער קאָנגרעס?**

(חודש'לעכער איבערזיכט פון דער אידישער לאַגע אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער)

היטלער האָט אָפּגעהאַלטן אַ נייעם „זיג״ אויף דעם געביט פון אַנטיסעמיטיזם. ער האָט אַריבערגעוואונען מוסאָלינין אויף דעם דאָזיגן פראָנט. אין די ערשטע טעג פון דעם חודש נאָוועמבער איז, צווישן אַנדערע בונדן, געשלאָסן געוואָרן אַ בונד צווישן היטלער'ן און מוסאָלינינ'ען, מיט דער פאַרשטענדיגונג, אַז מוסאָליני'ס פאַשיזם וועט אַריינעמען אין זיין פּראָגראַם היטלער'ס טעאָריעס וועגן אַנטיסעמיטיזם. מיט דעם איז געשלאָסן געוואָרן אַ פאַראייניגטער אַנטיסעמיטישער פראָנט צווישן די צוויי מעכטיגסטע פאַשיסטישע רעזשימען.

מעגלעך, אַז מוסאָליני, וועלכער איז ביז איצט באַטראַכט געוואָרן פון די זעלבסט־געקרוינטע אידישע פאַרזאָרגער און ציוניסטישע פירער אַלס אַ אידן־פריינט און אַלס אַ הייסער אָנהענגער פון ציוניזם, וועט פאַרלירן אַ סך פון זיין פּרעסטיזש ביי זיי. ביז איצט פלעגן די דאָזיגע מענטשן זאָגן — „להבדיל״ צווישן מוסאָליני'ן און היטלער'ן, ווען ס'פלעגט זיי אויסקומען צו דערמאָנען ביידע נעמען.

עס וועט אפשר זיין אַ שטאַרקע אַנטוישונג פאַר יענע מענטשן, אָבער ליידער קאָנען מיר זיי ניט טרייסטן. מיר קאָנען זיי נאָר זאָגן, אַז דער דאָזיגער פאַראייניגטער אַנטיסעמיטישער פראָנט באַשטעטיגט בלויז דאָס וואָס מיר האָבן שוין פיל מאָל דערקלערט, אַז **יעדער** פאַשיזם, אונטער וועלכער מאַסקע ער זאָל ניט פּאַראַדירן, איז אויך אין דערזעלבער צייט אַנטיסעמיטיזם; אַז זיי ביידע זיינען אַ מין סיאַמער צווילינג, וואָס מען קאָן זיי ניט צעטיילן, און אַז ווען מען קעמפט ערנסט געגן פאַשיזם, באַקעמפט מען אויך אין דער זעלבער צייט דעם אַנטיסעמיטיזם.

אגב האָבן מיר שוין געהאַט די מעגלעכקייט צו זען די רעזולטאַטן פון דעם ניי־געשלאָסענעם אַנטיסעמיטן־בונד צווישן היטלער'ן און מוסאָליני'ן, וואָס ווייזן, אַז מוסאָליני איז לאָיאַל צו דעם אָפּמאַך און אַז ער וועט געטריי דורכפירן די אַנטיסעמיטישע פונקטן, צו וועלכע זיין פאַשיזם האָט זיך פאַרפליכטעט.

אַ קעיבלגראַם פון רוים צו דעם ניו יאָרקער „מאָרגן־זשורנאַל״ דאָנערשטאָג, דעם 20טן נאָוועמבער, דערציילט זייער אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע, וואָס באַשטעטיגט, אַז מוסאָליני'ס פאַשיזם איז געוואָרן אַקטיוו אויף דעם געביט פון אַנטיסעמיטיזם. צוליב דער וויכטיגער באַדייטונג פון דעם פאַקט, געפין איך פאַר נויטיג איבערצוגעבן דעם פולן טעקסט פון דער קעיבלגראַם, וואָס לייענט זיך ווי פאָלגט:

„רוים, דאָנערשטאָג. — די אידן אין גאַנץ איטאַליען פייערן איצט אויף אַ גרויסן שטייגער דעם פאַקט, וואָס איטאַליען איז לעצטענס פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס אימפּעריע. די פייערונגען ווערען דורכגעפירט מיט שמחות און אויך מיט טיילען מתנות.

„די היגע קהילה, צום ביישפּיל, האָט געשענקט אַ **זעלטענע ספר־תורה** צו די פלאַשען, דאָס הייסט די שוואַרצע אידן אין אַביסיניען.

„די קהילה אין מילאַן האָט געשיקט **פערזענלעך צו מוסאָליני'ן הונדערט טויזנט לירעס** (אַרום פינף טויזנט דאָלאַר), אַז ער זאָל עס צעטיילן אויף צדקה ווי אים געפעלט.

„די קהילה פון טאָרינאָ האָט געשיקט דעם קעניג פון איטאַליען אַ טייערן אַלבום מיט אַן אַדרעס פון טרייהייט.

דאָס זעלבע האָט אויך געטאָן די אידישע קהילה אין ליוואָרנאָ.

„די אידן פון מאָדינאָ האָבן צוגעשיקט אַ גאָלדענעם נר־תמיד צו דער שול אין אַדיס־אַבאַבאַ, די הויפּט־שטאָט פון אַביסיניען.

„די אידן אין ווענעציע, גענאָאַ, עראָנאַ, פּאַדואַ און אין אַנדערע שטעט האָבן אָפּגעהאַלטן גרויסע **פּאַטריאָטישע מיטינגען און געשיקט טרייהייטס באַגריסונגען צום קעניג און צו מוסאָליני'ן.**

„אָבער טראָץ די שטאַרקע מאַניפעסטאַציעס פון אידישן פּאַטריאָטיזם, איז אַ וואָרט וועגן דעם ניטאָ אין דער איטאַליענישער פּרעסע. אין געגנטייל, אין מאַנכע פאַשיסטישע צייטונגען ווערן גאָר געמאַכט אַטאַקעס אויף אידן.

„די צייטונג „וויטאַ איטאַליאַנאַ״ באַפאַלט דעם ציוניזם דער פאַשיסטישער פאַרטיי, שטיצט אָפן דעם קאַמפּיין געגן קאָמוניסטן, און זי זאָגט, אַז **אידן זיינען די הערשער אין רוסלאַנד און ווערן רייך אויפן חשבון פון די ניט־אידן.**

„די צייטונג „וויטאַ איטאַליאַנאַ״ באַפאַלט דעם ציוניזם און שילדערט אים אַלס געפאַר פאַר דעם שלום אין די לענדער ביים מיטל־מעער.

„די זעלבע צייטונג ערלויבט זיך אויך צו זאָגן, אַז זי **האָט ניט קיין צוטרוי צו דער לאָיאַליטעט פון אידן אין פאַרשידענע לענדער.**״

(איבעראַל אונטערגעשטראָכן פון מיר — ר. י.).

דאָס איז דער אופן, ווי אַזוי מוסאָליני'ס פאַשיזם האָט געענטפערט אויף דער העכסטער מאָס פּאַטריאָטיזם און לאָיאַליטעט צום פאַשיסטישן רעזשים, וואָס די איטאַליענישע אידן האָבן אונטערגעטראָגן מוסאָליני'ן און דעם איטאַליענישן קעניג, וועמען מוסאָליני האָט אויך געקרוינט אַלס „אימפּעראַטאָר״.

אָבער די נאַצי־בעסטיע קאָן אַלץ ניט זעטיגן אירע צערייצטע אַפּעטיטן; אַרבעט זי כסדר טאָג און נאַכט אויף נאָך גרעסערע פינצטערע פּלענער, ווי אַזוי נאָך מער צו פאַרשפּרייטן און באַפעסטיגן די גיפטיגע פּראָפּאַגאַנדע פון אַנטיסעמיטיזם געגן די אידן איבער דער גאַנצער וועלט.

אַ טעלעגראַפישע מעלדונג פון בערלין האָט דערציילט, אַז דעם 19טן נאָוועמבער האָבן די נאַציס געעפנט אין מינכען אַ ספּעציעלן „אידישן פאָרשונגס־אינסטיטוט״, וועמעס הויפּט־אויפגאַבע וועט זיין צו „באַגרינדן וויסנשאַפטלעך״ דעם אַנטיסעמיטיזם.

די נאַציס באַטראַכטן דעם דאָזיגן אינסטיטוט פאַר אַזוי וויכטיג, אַז זיין דערעפענונג איז געפייערט געוואָרן גאַנצע דריי טעג, און אַז אַ גרויסע צאָל פּראָפעסאָרן זיינען איינגעלאַדן געוואָרן אויפצוטרעטן ביי דער געלעגנהייט מיט רעפעראַטן וועגן אידן, אידישע

מנהגים און זיטן, אַפּילו וועגן דער אידישער ביבל און דעם תלמוד.

אַט־דער „פאָרשונגס־אינסטיטוט“ וועט דאַרפן ליפערן די גייסטיגע אַמוניציע — גיפטיגן, וויסנשאַפטלעך-באַגרינדעטן מאַטעריאַל — פאַר די נאַצישע פּראָפּאַגאַנדע־אַגענטורן, וואָס זיינען אויסגעשפּרייט אין אַלע לענדער איבער דער וועלט. דאָס וועט זיין אַ מין וועלט־אוניווערזיטעט וואָס וועט צושטעלן דיפּלאָמירטע אַנטיסעמיטן פאַר אַלע לענדער.

מינכען איז שוין פון לאַנג דער צענטער פון דער נאַצישער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע איבער דער וועלט. פון דאַנען ווערן אַרויסגעשיקט אַלע סאָרטן אַנטיסעמיטישע מאַטעריאַלן צו די נאַצישע פּראָפּאַגאַנדע־אַגענטורן אין אַלע לענדער. ביי אונז, אין די פאַראייניגטע שטאַטן, געפינט זיך די הויפּט נאַצישע אַנטיסעמיטישע ביוראָ אין שיקאַגאָ. פון דאַנען ווערט אָנגעפירט די ווילדסטע אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע איבערן גאַנצן לאַנד.

אין דער לעצטער צייט זיינען אַרויסגעוואָקסן אַזויפיל פאַשיסטיש־אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציעס אין די פאַראייניגטע שטאַטן, אַז זייער צאָל איז שווער פעסטצושטעלן. עס ווערט אָבער געשאַצט, אַז ניט ווייניגער פון אַ הונדערט אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס — גרעסערע און קלענערע — זיינען פאַראַן, וועלכע פירן אָן זייער אַנטיסעמיטישע אַרבעט דורך פאַרשיידענע וועגן.

אָט האָבן מיר די טעג געלייענט אַן אַרטיקל אין דער „מאָרגן־פרייהייט“, געשריבן פון חבר משה באַקאַל — „איקאָר“־טוער אין שיקאַגאָ — וועגן דער פאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע „קרוסעידערס“ ווייסע העמדלעך און זייער פירער דזשאָ וו. קריסטשענס, וועלכער האָט זיין הויפּט־ביוראָ אין וואַשינגטאָן, און אַן אָפּטיילונג אין דער סאוט, אין טשאַטאַנוגאַ, טענעסי. אָט־דער פאַשיסטישער פירער שרייט אַז אַמעריקע דאַרף האָבן אַ היטלער, און אַז ער איז דער פאַסיגסטער מענטש פאַר אָט־דעם אַמט. קריסטשענס פאַרשפּרייט פינצטערע פּראָפּאַגאַנדע געגן קאָמוניסטן און אידן, און אַרבעט מעשים, אַז אין קאָנגרעס זאָלן דורכגעפירט ווערן די רעאַקציאָנערסטע געזעצן.

אָבער קריסטשענס איז ניט דער איינציגער. זיינער אַן אַגענט אין די פאַרמער-געגנטן, אַ פאַרשוין מיטן נאָמען ס. פּ. פוליקאַן, פירט אָן צווישן די פאַרמערס אַ גיפטיגע פּראָפּאַגאַנדע, אַז שולדיג אין דער שווערער לאַגע פון די פאַרמערס זיינען אידן,

עס איז פאַראַן דער ווילסטער פאַשיסטישער גלח דזשעראַלד ק. סמיט, דער גייסטיגער יורש פון יואַי לאָנג׳ס פאַשיסטישער באַוועגונג, וועלכער שיט פעך און שוועבל געגן „די קאָמוניסטן און די אידישע באַנקירן, וועלכע באַהערשן דאָס לאַנד“. סמיט באַרימט זיך, אַז ער האָט אַ צען מיליאָן נאָכפאָלגער. זאָל זיין, אַז די דאָזיגע צאָל איז שטאַרק איבערטריבן, אָבער אַ גרויסע נאָכפאָלגערשאַפט האָט ער זיכער, וועלכע כאַפּט אויף ווי הייליגע דרשות די פינצטערע אַנטיסעמיטישע העצעס, וואָס ער, דאָס דעמאַגאָגיש נפש׳ל אין דער גלח׳שער שוואַרצער רעטאָנדע, פאַרשפּרייט.

די „אַמעריקען פּאַרטי“, די „נעשאָנאַל פּאַרטי“, די „סענטינעלס אָוו אַמעריקע“, דער שוואַרצער לעגיאָן, די „ליבערטי ליג“, דער קו-קלוקס-קלען, די ווידזשילאַנטן און אָן אַ צאָל אַנדערע רעאַקציאָנער - שאָוויניסטישע און מיליטאַריסטיש - פּאַטריאָטישע קערפּערשאַפטן זיינען נעסטן, וואו עס פלאָדיען זיך אַלע סאָרטן פאַשיסטישע און אַנטיסעמיטישע עלעמענטן איבערן לאַנד.

ביטער און טראַגיש איז די לאַגע פון די אידן אין אַ גאַנצער ריי אַנדערע לענדער, ווי: מעקסיקאַ, בראַזיליע, קובאַ, בעלגיע, וואו נאַצי־אַגענטן אַרבעטן גאַנץ טיכטיג צו פאַרשפּרייטן די ווילדעסטע העצעס געגן אידן. בראַזיליע, וואו עס הערשט איצט פּאַקטיש אַ פאַשיסטישע דיקטאַטור, אָנגעפירט פון דעם וואַרגאַס־רעזשים, האָט געשלאָסן די טויערן ספּעציעל פאַר אידישע אימיגראַנטן. דאָס זעלבע פּאַראַגוואַי, וואוהין אידן איז ביז איצט געווען גאַנץ לייכט אַריינצוקומען. אין אַרגענטינע, וואו עס געפינט זיך דער גרעסטער אידישער ישוב אין דרום-אַמעריקע, וואַקסט שנעל דער אַנטיסעמיטיזם. אידישע פאַרזאַמלונגען זיינען פאַרבאָטן אָן אַ ספּעציעלער פּאָליצייאישער דערלויבעניש. און ווען אַפילו אַז אַ דערלויבעניש ווערט שוין געגעבן, איז יעדע אידישע פאַרזאַמלונג אָנגעפילט מיט פּאָליציי און שפּיאָנען.

דאָ רעדט זיך אַלץ וועגן לענדער, וואו די אידן האָבן ביז לעצטנס זיך געפילט פריי, און וואו דער אַנטיסעמיטיזם איז אַ נייע פּרוכט, וואָס איז דאָרטן ערשט לעצטנס קולטיווירט געוואָרן פון נאַצישע אַגענטן. דאָס איינציגע לאַנד פון די אויבנדערמאָנטע, וואו די אַנטיסעמיטן שלאָגן זיך אָן אין אַן אייזערנער וואַנט איז מעקסיקאַ, וואו די רעגירונג איז אַן אויסגעשפּראָכענע אַנטי־פאַשיסטישע, וואָס נעמט אָן שאַרפע מיטלען געגן די פאַשיסטן און אַנטיסעמיטן.

פון בעלגיע קומט די נייעס, אַז עס ווערט צוגעגרייט אַ געזעץ, וואָס זאָל פאַרבאָטן צו באַשעפטיגן פרעמד-געבוירענע. אַזאַ געזעץ וועט שטאַרק טרעפן די אידן פון פוילן, ליטע, דייטשלאַנד און אַנדערע מזרח־אייראָפּעאישע לענדער, וועלכע האָבן — מיט דער אויסנאַמע פון די דייטשע אידן — זיך באַזעצט אין בעלגיע זינט נאָך דער וועלט־מלחמה.

די לאַגע פון די אידן אין רומעניע און פוילן — די קלאַסישע געוואָרענע פּאָגראָם-לענדער — און אין דעם „נאַציאָנאַל־באַפרייטן“ לענדעלע ליטע, ווערט יעדן טאָג אַלץ ערגער. די אידן שטייען דאָרטן פּשוט פאַר אַן אָפּגרונט און עס לויערט איבער זייערע קעפּ די געפאַר אַז זיי זאָלן אַהין אַריינגעשטויסן ווערן דורך די פּאָגראָמען, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פאַרפאָלגונגען און ווילדע און פינצטערע גזרות, וואָס ווערן יעדן טאָג אַלץ אכזריות׳דיגער, אַלץ אוממענטשלעכער. עס שטייגן כסדר די כוואַליעס פון אַנטיסעמיטיזם אַלץ העכער און אַלץ ווילדער, ניט געקוקט דערויף וואָס די פירער פון די רעגירונגען אין יענע לענדער קומען אַרויס פון צייט־צו־צייט מיט דערקלערונגען — פאַר דער אויסערלעכער וועלט — אַז די פאַרפאָלגונגען און גזרות וועלן אָפּגעשטעלט ווערן.

דער סך־הכל פון דעם אַלעם איז, אַז דער פאַשיזם ווערט אַלץ ווילדער, אַז דער אַנטיסעמיטיזם פאַרשפּרייט זיך ווי אַ וואַלד־פייער אין די הייסע זומער־חדשים און אַז די לאַגע פון די אידן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער ווערט אַלץ אומדערטרעגלעכער.

ביי דעם דאָזיגן פּונקט פאָדערט זיך זייער שטאַרק — עס בעט זיך ממש — צו אָנווייזן אויף דער גליקלעכער און פריידיגער לאַגע פון די העכער דריי מיליאָן אידן אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד; אויף דעם אויפבוי פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט אין בירא־בידזשאַן, וואָס ווערט באַפעסטיגט און באַשיצט מיט דער גרעסטער זאָרגזאַמקייט און וואַכזאַמקייט פון דער סאָוועטן־רעגירונג.

אודאי וואָלט נויטיג געווען דאָ אָנצואווייזן ווי אויף דעם שאַרפסטן היסטאָרישן קאָנטראַסט צו דער אומגליקלעכער לאַגע פון די אידן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, צו דעם ראַסן-האַס, וואָס ווערט אין יענע לענדער אויפגעבלאָזן — אָנצואווייזן אויף דער פולשטענדיגער באַפרייאונג און גלייכבאַרעכטיגונג פון דעם אידישן פאָלק אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אויף דער העכסטער פאַרברידערונג צווישן די העכער 150 פעלקער און שבטים, וואָס לעבן צוזאַמען אין דעם דאָזיגן לאַנד, וואו עס בויט זיך דער סאָציאַליזם.

און אודאי וואָלט דאָ געווען אין פּלאַץ ווידער אַמאָל אָנצואווייזן אויף דער לענינש־סטאַלינשער לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן דורכגעפירט אין לעבן — ווי אויף דעם איינציגן ענטפער אויף דער פאַרשאָלטענער „אידן-פראַגע“, וואָס הענגט ווי דאַמאָקלעס׳ שווערד שטענדיג איבער די קעפּ פון די אידישע מאַסן.

אָבער, אנשטאַט דעם, וועט אפשר, אויף דעם מאָמענט, זיין אין פּלאַץ צו פרעגן:

ו ו א ו א י ז ע ר ג י ץ ד ע ר א י ד י ש ע ר „א ל ו ו ע ל ט ל ע כ ע ר“ ק אָ נ ג ר ע ס?

יאָסל קאָטלער

# דעם בירא-בידזשאַנער פעטערס יאָנטעף

אויף אידיש איז אַ נאָז אַ נאָז
און א נעזל אַ נעזל.
אויף רוסיש איז אַ נאָז אַ נאָס
און אַ נעזל אַ נאָסל.
על כן, דעריבער: צו מיין ליבן
פלעמעניק מוירע רעב יאָסל.

גוט יאָנטעף; באַ מיר אין בירא־בידזשאַן איז יאָנטעף, און דער יאָנטעף איז אַזוי גרויס און ברייט און ליכטיג, אַז ס'איז אַ מחיה צו קוקן. דער בידזשאַנער טיש, דאָס פעלד, הייסט עס, איז באַדעקט מיט אַ גוואַלדאָוונעם ווייסן טישטעך פון שניי, און אונטערן טישטעך ליגט ברויט פאַר אַלע אידן.

אָבער יאָנטעף פאַלט נישט אַרונטער פונם הימל, מען דאַרף אַרבעטן און נאָך ווי אַזוי. די אַטאָנאָמיע איז רוי ווי אַ פיטעיטע (וועגן דער פיטעיטע עמיר שפּעטער שמועסן).

ס'קומען אָן נייע אידן, נישט קיין מבינים אויף האַלב־אַרבעט.

נעם למשל, ברוך איסראָלים דעם קוויטשעדיגן. אָט דער פון דער „פולי דאָ און פולי דאָרט".

זעט ער ווי מיר מיליוועו אַ שטיינערנעם פונדאַמענט. פרעגט ער: וואָס בויען אידן? זאָג איך: אַ שפּיטאָל. טוט ער אַ קרום מיט דער נאָז: וואו האָט איר געזען אַ שפּיטאָל אָן ווענט? נאָר ווער האָט צייט צו ענטפערן?

מיט אַ וואָך שפּעטער, ער איז ווידער דאָ — און ווענט זיינען שוין אויך דאָ.

זאָגט ער: דאָס איז ביי אייך אַ שפּיטאָל? וואו האָט איר געזען אַ שפּיטאָל אָן טרעפּ? דורכוואַנען וועט מען אַרויפקריכן אַזוי הויך?

אין אַ צייט אַרום — ער איז דאָ — און טרעפּ זיינען שוין אויך דאָ.

זאָגט ער: אַי, אידן, וואו האָט איר געזען אַ שפּיטאָל אָן אַ דאַך? ס'וועט דאָך אַריינרינען צו די שלאַפע אין די בעטן.

אין אַ צייט אַרום, אַהאַ, ער קומט צוגיין, טוט אויס די קאַפּאָטע. וואָס איז? פרעג איך. ענטפערט ער מיר: אין קלוב דערציילט מען פון אייך גאַנצע קונצן. וויל איך אייך ווייזן, זאָגט ער מיר, אַז אַזאַ מאַכאַניק ווי איר זיינט, קען איך אויך זיין.

איך נעם ביי אים אויסטאַפּן וואָס ער קען. אַ בלעכער? ניין. אַ טעסלער? ניין. אַ גלעזער? ניין. אַ מולער? ניין. אַ פאַרבער? עטוואָס אַ ביסל. אַ כלל, איך בין געוואָר געוואָרן, אַז ער קען מער נישט ווי צוויי מלאכות — צו־האַלטן און צו־ליכטן. וויל איך אים געבן צו־האַלטן אַ פּידוואָלע פאַר אַ קליין גאַנעקל, און איך פרעג אים: אַרונטער, ווּעסטו האַלטן? ער זאָגט מיר צו. איך צייל אָפּ איינס, צוויי, דריי, בייג אויף דעם קלאָץ פונם אָנשפּאַרעניש און דער קלאָץ טוט זיך אַ ציי אויס גלייך אין הייסן קאַלעך אַריין. איך גיי אַרונטער, טו אַ קוק: די פולי איז נישטאָ. האָב איך זיך באַלד דערמאָנט, אַז איך האָב אים ניט באַדאַרפט געטראָוען, מחמת ער איז איינגעוויינט צו זאָגן ליגן. ווען ער וואָלט מיר געוועזן געבן זיין ערן־וואָרט, אַז ער וועט נישט צו־האַלטן, וואָלט ער געהאַלטן. אָבער אַז ער האָט צוגעזאָגט האַלטן, האָט ער נישט געהאַלטן.

אַלע באַלמעלאָכעס האָבן געלאַכט דאָס גרעסטע געלעכטער. און איינער זאַוועלע קוטשער האָט אַ זאָג געטאָן: מיט אַזאַ באַלמעלאָכע ווי ברוך איסראָלים קען מען בויען אַ סוכה פון פּאַוועטיני.

איך קען דיר שרייבן, יאָסל, אַז מיט אַזוינע אידן ווי אַ „פולי דאָ" לעקט מען נישט קיין האָנעק, אַז אַלצדינג טויג זוי נישט. ס'האָט ביי־דאַרפט אָנקומען מיטוואָך פאַרטאָג אַ וואַגאָן פּוישטן. מען שטייט אויף אינדערפרי 8 אַזייגער, נישטאָ, 9 אַזייגער, נישטאָ, 12 אַזייגער, נישטאָ. און די „פולי" לויפט אַרום פון שטוב צו שטוב, און רעדט: ס'גייט נישט אין די פּושטן. נאָר ווי אַזוי לאָזט מען אַ אידיש פאָלק, אַ אידיש לאַנד מיט באָרוועסע פיס? ס'שון געוועזן אַ סך בעסער דאָרט פאַר פּרעה'ן דעם אַנטיסעמיט. טאַקע דאָרט האָבן אידן געקנאָטן ליים מיט די באָרוועסע פיס, אָבער ס'איז כאָטש געוועזן וואַרים, אַ געבענטשטע לאַנד מיט זון און מיט פיסעם און ראַמסעס. איין קלייניגקייט, אידן, זאָגט ער, זיינען תמיד געוועזן אין גלות. אָט אַזוי שטייט אין דער תורה.

נו, דערלאַנגט מען אַ סילוק אַזוי ווי אַ חזיר אין קאָרעטע (ביי אונז איז דאָ אַ מאָסקווער מאַשיניסט, וואָס קען גוט דערלאַנגען) ווערט אַ שטיקל קריג, ווייל די „פולי" האָט ליב אַז מע זאָל רעדן צו אים מיט גרויס דרך־ארץ, און ער שרייט: וואָס טויג מיר אייער פילאָזאָפיע, וואו זיינען די פּוישטן?

מיטנדרינען, ס'הערט זיך טראַטאַטאַ פּושש...ש. און דער גלאָק הערט נישט אויף צו קלינגען.

ס'איז אָנגעקומען די באַן מיט די פּוישטן. האָב איך זיך געוואָלט אַ נעם טאָן צו אים, אָבער וואו, ווער, וואָס? ער איז אויסגערונען געוואָרן. אין אָוונט האָבן מיר אים אַ נעם געטאָן אויף דער העצקע. אָבער ער האָט צוגעגעבן זיינע טעותן.

און צום סוף האָט ער געזאָגט: אַ אידיש לאַנד איז דאָך געוועזן מיין טרוים. וואו וועל איך זיך שלעפּן ווידער, קיין פוילן?

איך האָב מורא יאָסל, אַז די פולי וועט פליען. אנדערע פון זיין שטאָם זיינען שוין לאַנג געוואָרן מיט מענטשן גלייך, נאָר אים וועט עס נישט העלפן.

דיין ווערטל „קידנעפּ" האָב איך נישט פאַרשטעגען, אָבער אונזער איקאָרניק, אב. עפּשטיין, האָט מיר דערקלערט, אַז קידנעפּ באַדייט: קידנעפּן אַ מענטש און אים האַלטן פאַר אויסלייזונג. ער האָט אָפּגעזאָגט און אַוועקגעפאָרן, און איך בין געבליבן מיט דער „פיטעיטע", אַזוי ווי אויפן וואַסער. נאָר ס'האָט מיר צוגעשפּילט אַ שטיקל מזל. גראָדע אַ היג סטודענטל האָט מיר פּותר חלום־געוועזן די פיטעיטע. על־כן דערימעך האָב איך אויסגעלערנט מיין בירעלען די פיטעיטע, אַזוי צו זאָגן:

פאַראַן מאכלים אידישע,
אַ געפילטע קישקע און אַ פאַרניטע,
אָבער דער בעסטער מאכל פאַרן בייכל
איז אַ קאַרטאָפל מיט אַ פיטעיטע.

אַז איך קום פון דער אַרבעט
פרעג איך ווי פעט איז?
און מיר זעצן זיך אַן עולם ביים טיש
און עסן הערינג מיט פיטעיטים.

פאַראַן ביי אונז אַן אַלטער קאָטליאַר
האָט ער שוין אַ ווייב אַ צווייטע.
איז די ערשטע אַ ציבעלע געוועזן
און די צווייטע אַ . . . .
צעדרויטע.

און כאָטש דאָס האָט ניט צוטאָן מיט פיטעיטע, פונדעסטוועגן האָט עס זיך ביי מיר אַרויסגעכאַפּט אומיסטן... וואָרן די צעדרייטע מיט מיין אידענע זיינען קוצוניו מוצוניו. אָבער זינט מיין בירעלע האָט אָפּדעקלאַמירט דאָס לידל, שפּילט זי אַ ברוגז טענצל מיט מיין אידענע. איך שפּיר מיך געזונט און פריילעך. אין קלוב לערנט מען מוזיקע און טענץ, און מיר הויבן אַ פיסל.

איך גרייס גאָרפריינטלעך דעם איקאָר מיט דער מוטער זיסל.

דאַ ענדיג איך דעם לעטער.

פון מיר צו דיר לייזער דיין פעטער.

וועגן דעם ווערטל "ענעטאַים" האָב איך שוין אַ גרייט לידל, נאָר ס'האָט נישט געקענט אַריין אין קאָנווערט־אַריין.

פעב. 10, 1935.

---

צוליב וואָס האָט ער זיך אָרגאַניזירט, אויב ניט אַרויסצוטרעטן מיט שאַרפע פּראָטעסטן געגן די פאַרפאָלגונגען פון די אידן אין די פאַרשיידענע לענדער; אויב ניט — כדי צו אויפהויבן די פאָדערונג, אַזוי הויך ווי מעגלעך און אויף אַ ז אַ אָרגאַניזירטן אופן ווי ס'איז נאָך מעגלעך, פאַר די דעמאָקראַטישע רעכט און עקאָנאָמישער זיכערקייט פון די אידן איבעראַל?

די פירער פון דעם אידישן וועלט־קאָנגרעס זיינען שולדיג אַן ענטפער!

אָבער דאָס מיינט בשום אופן ניט, אַז כל זמן דער אידישער קאָנגרעס שווייגט — דאַרפן מיר אויך שווייגן. מיר דאַרפן אויפשטורעמען די ברייטע עפנטלעכקייט געגן די צעווישעטע אַנטיסעמיטן!

דער פאָלקס־קאָמיטעט פאַר אַ פאַראייניגטן אידישן קאָנגרעס דאַרף נעמען די איניציאַטיווע אַזאַ מאַסן־אַקציע צו אָרגאַניזירן. דער „איקאָר" וועט, אָן דעם מינדעסטן צווייפל, געבן די ברייטסטע מיטאַרבעט צו אַזאַ אַקציע.

מ. גאָלדשטיין

# אַ נייער מענטש

.1

די שיף האָט געהאַלטן ביים אָפּגיין. עס האָט גערוישט דער פּאָרט. אָן אויפהער זיינען געקומען מענטשן, קראַנען האָבן געקרעכצט, לאָדנדיק דעם לעצטן באַגאַזש, און טרעגער האָבן געאיילט מיט די פּעק פון די לעצטע פּאַסאַזשירן — מענטשן, וואָס האָבן פיינט צו קומען צו פרי. צווישן די לעצטע פּאַסאַזשירן איז געווען גראַוואַס, אַ הויכער, אַן אומגעווינלעך־דאַרער. געלאָסן איז ער געגאַנגען מיט צוויי טשעמאָדאַנען אין ביידע הענט. דאָס האָט אים אויסגעקיילעכיגט די פּלייצע און געמאַכט אַ גרוב אין זיין ברוסט־קאַסטן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער איילט ניט, דאָך האָט זיך אים שוין געוואָלט וואָס גיכער אַראָפּ פונם לייטער, וואָס די מאַטראָסן זיינען שוין גרייט געווען אויפצוהויבן. אים זיינען געווען פיינלעך די בליקן פון די אַרומיגע פּאַסאַזשירן, ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז אַלע טייטלען אויף אים און ווייזן אָן אויף זיינע דאַרע הענט און אויף זיין אויסגעצויגענעם האַלז. ס'האָט זיך אים אַפילו אויסגעוויזן, אַז אַ יונגע פרוי האָט אָנגעוויזן אויף זיין דאַרער נאָז.

גראַוואַס איז אַראָפּ פון די לעצטע טרעפּלעך, אַוועקגעשטעלט די טשעמאָדאַנען אין זיין קאַבינע און זיך אויסגעמישט מיט די פּאַסאַזשירן, מיט די חברים זיינע, וואָס פאָרן מיט אים אינם ווייטן־נאָענטן לאַנד. דאָ, צווישן די פּאַסאַזשירן איז ער געוואָרן אויפגעלעבט, זיין פּנים האָט אויפגעשיינט, און די אויגן האָבן זיך צעגלאַנצט, ווי זיי וואָלטן איינגעשלונגען אַ וועלט מיט ליכטיקייט. דאָ, אויף דער איצטיגער מינוט, איז אויף דער טייל שיף פאַרגעקומען אַזוינס, וואָס אַפילו אַלטע מאַטראָסן זעען ניט אָפט אַזעלכעס.

די פּאַסאַזשירן האָבן געזונגען. דאָס געזאַנג האָט זיך צום אָנהויב געצויגן אַ שטילס, אַן אינזיכס. דערנאָך האָט זיך עס אויפגעהויבן העכער, האָט דערלאַנגט צום ברעג, האָט אָנגערירט די הערצער פון דער מאַסע, וואָס איז געקומען באַגלייטן, און עס האָט זיך אַוועקגעצויגן דאָס געזאַנג איבער דער לענג און ברייט פונם פּאָרט. עס האָבן זיך געביטן די געזאַנגען „אַוואַנטיפּאָפּעלאָ“ מיט „איכאָס רעל־פּועבלאָ“, און ווען די שיף האָט זיך גערירט, האָט פון איר אַ פּראַל געטאָן דער „אינטערנאַציאָנאַל“. דער ברעג האָט אונטערגעכאַפּט, אָנשטאָט ווייסע געזעגענונג־טיכלעך האָבן זיך צעפּלאָטערט רויטע פענדלעך און פלאַמיגע געזעגענונגס־ווערטער זיינען געפלויגן פון שיף צום ברעג און פון ברעג צום שיף:

— „וויוואַ לאַ אוניאָן סאָוועטיקאַ!“

— „אַוואַבאַ על פאַשיזמאַ!“

— „וויוואַ על פּאַרטידאַ קאָמוניסטאַ!“

— „אַוואַבאַ על קאַפּיטאַליזמאַ!“

— „וויוואַ לאַ רעוואָלוציאָן מונדיאַל!“ 1)

.2

גראַוואַס איז אַוועק פון דער גרופּע, ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן איבערן דעק, איז באַלד צוריק צו און איז ווידער אַוועק. עס האָט אים געטראָגן פון אָרט צו אָרט. דאָס דאַרע פּנים זיינס איז פאַרלאָפן מיט אַ פלאַם, די שפּיצן פון די אויערן האָבן זיך אים אָנגעצונדן. אַריינציענדיק אין זיך אַ סך לופט, האָט ער מיטן גאַנצן כוח אַ געשריי געטאָן:

— וויוואַ לאַ . . . און ער האָט זיך פאַרהאַקט, ווי עס וואָלט אים פאַרפעלט אָטעם. מיט שרעק און חרפּה האָט ער זיך אַרומגעקוקט. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איצט, אין דער פייערלעכער מינוט, האָט עס קיינער ניט באַמערקט. שפּעטער האָט ער דערזען, אַז עס איז ניט אַזוי.

לאַנג האָט געשטורעמט דער ברעג, נאָכדעם, ווי די שיף איז אָפּגעגאַנגען. די פּאַסאַזשירן אויפן דעק האָבן געזען, ווי רייטער־פּאָליציי רייניגט אָפּ דעם ברעג, שלאָגנדיק מיט גומע־שטעקנס איבער די קעפּ.

דאָס איז אָפּגעפאָרן אַ גרופּע אַרבעטער קיין בירא בידזשאַן.

ווען די שיף איז שוין געהאַט אַוועקגעגאַנגען ווייט פון ברעג, און פונוויטנס האָבן זיך בלויז געזען די פייערן פון דער אָנגעצונדענער בוענאָס־איירעס, זיינען די פּאַסאַזשירן אַוועק אויף זייערע ערטער. גראַוואַס האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק, אויפן דעק, און די אָוונטיגע שיין אויף „לאַ פּלאָטאַ“ האָט געמישט די פאַרב פון זיין פּנים מיטן בלויען אָפּשיין פון וואַסער. די צעבויטעטע פרייד, וואָס ער האָט געהאַט דערפילט, אַרויפקומענדיק אויף דער שיף, האָט געהאַלטן אין אָפּזעצן זיך, ווי עס זעצט זיך אָפּ מוטנע וואַסער, און ער האָט דערפילט, ווי עס פליסט אין אים אַ פאַרדראָס צו זיך אַליין.

ער פלעגט שטענדיק לאַכן און באַוואונדערן די מענטשן, וואָס גייען איבער די גאַסן און שרייען. ער האָט דעם זין פון דעם ניט פאַרשטאַנען, און ער האָט זיך שטענדיק אָפּגעטראָגן אויף ווענגאַסן ווייטער פון דעם אָרט, וואו מען האָט געשריען . . . נאָר איצט האָט דאָס פון אים אַרויסגעשריען. ער איז דאָך געווען אַזוי טיף אויפגערודערט. עס האָט דאָך אין אים געזונגען. עס איז אים דאָך געווען אַזוי גוט. איז אָט, ער האָט ניט געוואוסט, מיט וואָס צו פאַרענדיגן . . .

— וואָס איז דיר אַזוי ביטער, גאַנדי? — האָט ער צו זיין וואונדער דערהערט די שטימע, וואָס ער וואָלט זי איצט אַמווינציגסטן וועלן הערן. אויף דער צווייטער זייט באַנק איז געזעסן קראַווקע, אַ קורצער, געוואַגטער מויערער, און האָט געשמייכלט, קוקנדיק אויף גראַוואַס'עס פאַרקרימטע פּנים. גראַוואַס האָט אויף אים אַ זייטיגן קוק געטאָן, און דערפילנדיק זיך ניט היימלעך פון קראַווקע'ס שמייכל, האָט ער זיך אויפגעהויבן, נאָר קראַווקע האָט זיך צו אים צוגערוקט און האָט אים פאַרהאַלטן:

— זיץ אַביסל, גאַנדי.

ווידער האָט ער דערהערט דעם צונאָמען, וואָס אָט דער מויערער מיט די צוויי צעאַקערטע הענט, צעפּרעסענע פון וואַפּנע, האָט אים געגעבן באַלד ביים ערשטן מאָל, וואָס זיי האָבן זיך באַגעגנט.

— וואָס־זשע, גאַנדי, האָסטו היינט אַראָפּגעשלונגען אַ ביין? האָט ער ווידער דערהערט קראַווקע'ס ברוסט־שטים.

גראַוואַס האָט פאַרלוירן דעם לשון, האָט ניט געקאָנט אַ וואָרט אַרויסברענגען, ער האָט זיך אַ האַסטיגן הויב געטאָן פון אָרט, נאָר קראַווקע האָט אים ווידער פאַרהאַלטן און מיט אַ לייכטן צי פאַרן אַרבל אַוועקגעזעצט.

— זיץ, ניטאָ וואָס צו איילן זיך, — ער האָט געקוקט אויף גראַוואַס'ן, וואָס איז געווען, ווי איבערגעשראָקן, און זיינע גרויע אויגן דורך די גרויסע ברילן האָבן אַזוי אַרויסגעשטאַרטשעט, ווי זיי קריכן אָט־אָט אַרויס פון די לעכער. קראַווקע'ן האָט זיך שטאַרק

1) זאָל לעבן דער ראַטנפאַרבאַנד!
נידער מיטן פאַשיזם!
זאָל לעבן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי!
נידער מיטן קאַפּיטאַליזם!
זאָל לעבן די וועלט־רעוואָלוציע!

געוואָלט לאַכן, נאָר ער האָט איינגעהאַלטן אין זיך דעם שמייכל און געזאָגט מיט אַ געמאַכטער ערנסטקייט:

— ניט קיין וואונדער, דו ביסט דאָך ניט געוואוינט צו קיין פלייש, דאָס ערשטע מאָל אין מויל גענומען, האָט זיך דיר געשטעלט אַביינדל אין האַלז . . .

גראוואס האָט זיך אַ גיכן דריי געטאָן אין קראַווקע׳ס זייט און מיט אַ הייזעריגער שטים, האָט ער אַ געשריי געטאָן:

— וואָס האָסטו זיך אויף מיר אָנגעזעצט? אַלץ, מיינסטו, איז אין שרייען? האָב איך ניט געשריען!

קראַווקע איז איצט אויף אַן אמת געוואָרן ערנסט. ער האָט זיך גאָר נאָענט צוגעבויגן צו גראוואס׳עס פּנים, און מיטן גראָבן פינגער אָנגעוויזן אויפן האַרצן: אָט פונדאַנען, אַ, גייט עס . . .

אָט־דאָס טאַקע האָט ער דערפילט, גראוואס, און דערפון נעמט זיך זיין איצטיגע שטימונג, נאָר ארויסווייזן עס פאַרן מויערער וועט ער ניט. עס שרעקט אים יענעמס ברוסט־שטים, און יענעמס געלעכטער וואַרפט אים אַריין אין קעלט. די שרעק פאַרן מויערער האָט ער דערפילט באַלד אויף דער ערשטער פאַרזאַמלונג פון די איבערוואַנדערער, ווען יענער איז אַרויסגעטראָטן קעגן שיקן אים, גראוואס׳ן, קיין בירא בידזשאַן, ער האָט אים דאַן צוגעקלעפּט דעם צונאָמען גאַנדי, פון וואָס די גאַנצע פאַרזאַמלונג האָט ארויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער.

אויף דער שיף האָט מען וועגן „די בירא בידזשאַנער" גערעדט. מען האָט זיי באַוואונדערט. מען האָט נאָכגעקוקט יעדן טריט זייערן און פון ערשטן קלאַס האָט מען אויף זיי געקוקט דורך בינאָקלען. מער דרייסטע און ליבהאָבער פון עקזאָטיק זיינען אַראָפּגעקומען צו זיי הערן זייערע שמועסן און זייערע לידער.

צו גראוואס׳ן האָט זיך אומגעקערט די מונטערע שטימונג. וואָס ווייטער די שיף האָט געשניטן דעם אַטלאַנטיק, אַלץ פרייליכער איז ער געוואָרן, נאָר ער איז נאָך אַלץ געגאַנגען זייטיק אַרום קראַווקע׳ן, און ווען פונם 1־טן קלאַס פלעגט ווער אָנשטעלן דעם בינאָקל אויף אים, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט לעבן קראַווקע׳ן און מיט שטאָלץ זיך געלאָזן באַוואונדערן.

אין איינעם אַ פרימאָרגן, נאָכדעם, ווי די שיף האָט דורכגעשניטן דעם עקוואַטאָר, איז צו זיי צוגעקומען אַ דייטש מיט אַ פאַרקיילעכיגט בייכל. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיט פאַרכמורעטע אויגן און פּיפּקענדיג די ליולקע, האָט ער זיך איינגעהערט אין קראַווקע׳ס ענטפערס, וואָס ער האָט אים געגעבן אויף זיינע פראַגן. אויסהערנדיג אַלצדינג, האָט ער אַריינגעצויגן אַ פול מויל מיט רויך, געהאַלטן עס אַ לענגערע צייט, דערנאָך אויסגעבלאָזן מיט אַ דינטשיג שנירעלע און קוקנדיג אויפמערקזאַם אויף גראוואָס׳ן, זאָגט ער:

— דיזער מאַן איז צו שוואַך.

— ניט געזאָרגט — ענטפערט קראַווקע, אַרויפלייגנדיג די האַנט אויף גראוואס׳עס אַקסל — ער וועט פאַרהאַרטעוועט ווערן, ער וועט לעבן פריי, קיינער וועט אים ניט עקספּלואַטירן, וועט ער זיין געזונט . . .

פון די ווערטער צעשמייכלען זיך גראוואס׳עס אויגן, ער רוקט זיך צו צו קראַווקע׳ן נעענטער. ער איז אים גרייט אָנצונעמען פאַר די צעפרעסענע הענט און זיי דריקן, נאָר קראַווקע איז האַרט ווי ביז איצט. אין דער אָנוועזנהייט פון אַלע איבערוואַנדערער זאָגט ער, אַז ער האַלט ניט פון אים:

— ביים אַרויפגיין אויף דער שיף האָב איך זיך נאָך מער איבערצייגט, אַז גאַנדי טאָר ניט פאָרן קיין בירא בידזשאַן, אַז דער „פּראָקאָר" האָט געמאַכט אַ פעלער — און אָננעמענדיג גראוואס׳עס הענט, פאַרקרימט ער מיט דער נאָז:

— וואָס זיינען דען דאָס פאַר אַ הענט — שפּינוועבס, שטעקלעך מיט וואַטע!

גראוואס לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, קוקט זיך איין אין די ווייסע ביינדלעך פון זיינע הענט, און בייסנדיג די אונטערשטע ליפּ, זאָגט ער שטיל, ווי צו זיך אַליין:

— נישקשה...

זיינע מיטפאָרערס האָבן דעם גאַנצן וועג געהאַלטן אין איין הויבן די אַקסל:

— וואָס וועט ער דאָרט טאָן?

— ער וועט ניט אויסהאַלטן.

.3

אין איינעם אַ טאָג איז צום בריגאַדיר פון די מויערער ביי איינער אַ נייער בויאונג געקומען אַן אַרבעטער, וואָס איז געשיקט געוואָרן פון דער בוי־קאַנטאָר אויף אַרבעט. פון דער רעשטאַוואַניע איז אַראָפּגעקומען קראַווקע. ער איז געווען אויסגעשמירט און דאָס פּנים פאַרשפּריצט מיט פאַרטריקנטער ליים.

— "דער אייגענער קראַווקע" — האָט גראוואס אַ טראַכט געטאָן און זיין האַרץ האָט גענומען האַסטיג קלאַפּן, אָבער שוין ניט פון שרעק, נאָר פון פרייד, וואָס ער קומט צו אים מיט הענט פון אַ מויערער. **אַ ווײַלע זיינען זיי ביידע געשטאַנען און האָבן** זיך אָנגעקוקט. קראַווקע האָט זיך געזשמורעט. גראוואס איז געבליבן שטיין מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן — „שוין־זשע האָב איך זיך אויף אַזויפיל געענדערט, אַז ער דערקענט מיך ניט?" — טראַכט ער. נאָר איבערלייענענדיג דאָס פּאַפּירל, ווישט קראַווקע אויס ביידע ווינקלען פון מויל און עס גייט אויף אַ ברייטער שמייכל אויף זיין פּנים, מיט זיין טיפער ברוסט־שטים שרייט ער אויס, אויסשטרעקנדיג גראוואס׳ן ביידע הענט: גאַנדי — נאָר ער פאַרכאַפּט זיך גלייך.

— גראוואס! ...

— אַ מויערער — ענטפערט גראוואָס מיט אַ שטים, וואָס ס׳האָט קראַווקע׳ן דערמאָנט אין זיינע אינגלישע יאָרן, ווען זיין שטים האָט זיך אים פּלוצלונג גענומען בייטן...

קראַווקע האָט זיך צעלאַכט מיט זיין ברייטן, טיפן געלעכטער. נאָר דאָס געלעכטער האָט איצט גראוואס׳ן אין קיין קעלט ניט אַריינגעוואָרפן.

— ווי אַזוי — פרעגט קראַווקע, דריקנדיג גראוואס׳עס הענט.

— פּשוט.

— ווען?

— אין די צוויי יאָר — ענטפערט גראוואס מיט שטאָלץ. **און אַ צופרידענער שמייכל צעגיסט זיך אויף זיינע ברוינע, פאַרהאַרטעוועטע באַקן.**

— איז שטעל זיך אַרבעטן — זאָגט קראַווקע, און עס גלויבט זיך אים ניט, אַז דאָס רעדט ער צום זעלבן, וואָס האָט זיך ביים אַרויפגיין אויף דער שיף געוואָרגן מיט אויסגעשריי...

קראַווקע לאָזט גיין גראוואס׳ן פאָראויס. ער באַקוקט אים דערווייל פון הינטן. די פּלייצע איז עפּעס ווי ברייטער. דער קאַרק — פולער און איז אָנגעפילט הינטער די אויערן מיט רויטקייט. די הענט — גאָר ניט די אייגענע הענט. גיט ער אַ צופרידענעם רודער מיט די אַקסלען, קראַווקע, און ער צעשרייט זיך איבער דער רעשטאָוואַניע:

— עס גייט אַ נייער מענטש, חברים!...

די חברים האָבן ניט פאַרשטאַנען קראַווקע׳ס צווײדײטיגן געשריי, זיי האָבן עס פאַרשטאַנען פּשוט, ס׳איז צוגעקומען אַ נייער מענטש אויף דער בויאונג.

דעמזעלביקן טאָג, אינאָוונט, איז דער מויערער גראוואָס געזעסן ביים בריגאַדיר קראַווקע אין צימער. אין צימער איז געווען ריין און ליכטיג. אויפן טיש האָבן געפינקלט צוויי גלעזער וויין און צוויי פרייליכע פּנים׳ער האָבן איינער צום צווייטן געשמייכלט.

— ווען דו קומסט איצט קיין בוענאָס־איירעס, דערקענט מען

ר. דאַנסקאָי

# דער עיקר - געזונטע, אַרבעטפעאיגע איבערוואַנדערער

מאַנאַטלעך פאָרן דורך בירא בידזשאַן די פּאַסאַזשיר־צוגן — מאָסקווע־וולאַדיוואָסטאָק.

אויף דער סטאַנציע בירא בידזשאַן גייען אַלע טאָג אַראָפּ פון דידאָזיגע צוגן צענדליגער איבערוואַנדערער, נייע בויער פון דעם סאָציאַליסטישן פאָרפּאָסט אויף די ברעגן פון אַמור, בויער פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט.

עס קומען מענטשן פון שטעט און שטעטלעך. שמידן און סטאָליערס, שניידער און שוסטער, טראַקטעריסטן און מעכאַניקער, שוואַרצאַרבעטער און שטוקאַטורן, אינזשענערן און טעכניקער, לע־רער און צייטונגס־טוער — פאַרשיידענע מענטשן קומען אַהער.

און מען קומט אַהער ניט דערפאַר, ווייל אין קיעוו צי אין דאַשעוו, בערדיטשעוו צי פּאָסטאָוו איז ניטאָ קיין אַרבעט און מען מוז פאָרן זוכן גליקן.

מען פאָרט פון גרויסע אינדוסטריעלע שטעט, פון קאָלעקטי־וויזירטע און אינדוסטריאַליזירטע שטעטלעך, וואו דאָס לעבן איז, ווי אינם גאַנצן ראַטנפאַרבאַנד, אַ פרייעלעכס און גליקלעכס, וואו פון יעדן ווינקעלע שפּאָרט די פרייד פון דער סאָציאַליסטישער מי.

אָט־די אַלע גליקלעכע סאָוועטישע מענטשן פאָרן און קומען אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט — ווייל עס ציט זיי אַהער־צו... איז אָט קומען די מענטשן, די אידישע איבערוואַנדערער אין געגנט, און צוזאַמען מיט אַרבעטנדיגע פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַ־ליטעטן בויט מען הייזער, וועגן, פאַבריקן, זאַוואָדן, מען אַקערט אויף די ערד, מען באַאַרבעט די פעלדער, מען אַרבעט סטאַכאַנאָ־וויש, אַקטיוו פאַרן סאָציאַליסטישן אויפבוי פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט.

* * *

אָפט רעדט מען וועגן שוועריגקייטן, וואָס די איבערוואַנדערער קומט אוים אויסצושטיין די ערשטע צייט, וועגן שוועריגקייטן פון באַזעצן די געגנט. די גרעסטע שוועריגקייטן זיינען שוין פאַרביי.

דאָס, פאַרשטייט זיך, באַטייט ניט, אַז קיין שוועריגקייטן ביים באַזעצן זיך איצט אין געגנט זיינען שוין ניטאָ. די ערשטע צייט, ביז דער איבערוואַנדערער אָרדנט זיך איין — איז ניט לייכט. און וועגן אָט־די שוועריגקייטן, און וואָס זיי באַשטייען — דאַרפן די איבערוואַנדערער וויסן.

* * *

די שוועריגקייטן באַשטייען אין באַקומען אַ דירה, אין אויס־שטאַטן די דירה, אין צופּאַסן זיך צו אַ נייער קוואַליפיקאַציע. הונדערטער שניידער, שוסטער, היטל־מאַכער ווערן וואַלד־אַרבעטער, גרייטן בוי־מאַטעריאַלן (קאַלך, ציגל, מאַרמאָר א. אַז. וו.).

ניט גרינג גיט זיך איין בייצוקומען אָט־די שוועריגקייטן. אָבער דער גרעסטער טייל איבערוואַנדערער ווערט איינגעאָרדנט און איינגעבירגערט אין דער געגנט.

אַ ביישפּיל, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר הונדערטער איבערוואַנדערער: גדליה רובינשטיין האָט ביים קומען אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט קיין באַשטימטע קוואַליפיקאַציע ניט געהאַט. ער האָט זיך אַמאָל געלערנט שטעפּעריי, געאַרבעט אויך אַלס שוואַרצאַרבעטער. ער האָט באַשלאָסן אַריבערצופאָרן אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט. איז ער אַוועק לערנען אין מאָסקווע אויף בוי־קורסן, געוואָרן אַ טעסלער און דעם 14טן אַפּריל איז ער מיט זיין פרוי און קינד אָנגעקומען אין בירא בידזשאַן אויף דער בויאונג פונם וועגנער־זאַוואָד.

דאַרפן האָט געדאַרפט זיין אַזוי, אַז דער חבר רובינשטיין זאָל גלייך באַקומען אַ צימער, אָבער פאַקטיש איז געווען ניט אַזוי. רובינשטיינען איז אויסגעקומען צייטווייליג זיך באַזעצן אין אַ צימער פון אַ ניט־פאַרענדיגטן הויז. אַ מענטש אַ שוואַכלינג וואָלט

---

דיך ניט — זאָגט קראַווקע און וואַרפט אַ בליק אויף גראַוואָס'עם נאָז — אפילו די נאָז האָט זיך ביי דיר איבערגעפאַרמירט...

— ס'איז איר ניט אָנגעקומען גרינג, זי האָט גענוג געשוויצט

— ענטפערט גראַוואָס...

— דעם אמת געזאָגט, האָב איך גערעכנט, אַז דו ביסט שוין לאַנג ניט קיין היגער.

— אויף איין בוים זיינען אויך ניט אַלע עפּל גלייך — זאָגט גראַוואָס און זיין פּנים ווערט ערנסט, דער שמייכל פאַרשווינדט

— עס איז מיר דאָ אויסגעקומען צו לאָזן מאַכן איבער זיך אַן אָפּעראַציע, און זייער ניט קיין גרינגע אָפּעראַציע, נאָר, ווי דו זעסט, בין איך זי איבערגעקומען בשלום, און האָב זיך אפילו פאַריכט.

— גוטע דאָקטוירים ביי אונז? — זאָגט קראַווקע, צוטראָגנ־דיג ס'גלאָז צום מויל.

— גוטע דאָקטוירים און גוטע לופט — ענטפערט גראַוואָס.

ביז שפּעט אינדערנאַכט זיינען זיי געזעסן און האָבן גע־שמועסט. ער האָט געהערט די געשיכטע פון אַ יונגנמאַן, וואָס איז אויסגעוואָקסן ביי אַ קליינעם באַקאַליי־קרעמער אין אַ קליין פּויליש שטעטל, האָט פונם טאַטן און פונם שטעטעלע גאָרניט באַקומען, האָט זיך אַוועקגעלאָזט אויף דער וועלט מיט גאָרניט, האָט דער וועלט גאָרניט געגעבן, און האָט פון איר גאָרניט באַקומען... קראַווקע ציט לאַנגזאַם דעם ווייַן און גראַוואָס רעדט.

— ביים אָנקומען אין בירא בידזשאַן, האָב איך געבעטן מען זאָל מיך פון אייך אָפּטיילן, באַזונדערס האָב איך געבעטן, מען זאָל מיך שיקן וואָס ווייטער פון קראַווקע'ן, איך האָב אים געהאַט גענוג אויפן וועג. האָט מען מיך אַוועקגעשיקט ביים אַמור. איך דאָרט, ווי אומעטום, בויט מען הייזער. דאָרטן בין איך פאַר־בליבן. עס איז דאָרטן שיין, ניי און פריש. און ביי דער גרענעץ צווישן צוויי וועלטן, פילט מען זיך שטאַרק. איך האָב דערפילט, ווי עס גיסט זיך אַן פריש בלוט אין מיינע אָדערן. נו, בין איך געבליבן אַרבעטן. געטאָן האָב איך אַלץ: געפירט זאַמד, געטראָגן ליים, געמישט וואַפּנע. וואָס זאָל איך דיר זאָגן, ליבער חבר, גרינג איז עס מיר ניט אָנגעקומען. און ווען מען האָט מיר פאָרגעלייגט אויסקלייבן אַ קוואַליפיקאַציע, וועט מען מיך שיקן אויף קורסן, האָב איך זיך דערמאָנט אָן דיר און האָב באַשלאָסן ווערן אַ מויערער...

ער האָט אַרויפגעלייגט אויפן טיש זיינע ברוינע, פאַרהאַרטע־וועטע הענט.

שפּעט ביינאַכט האָבן זיך ביידע געלייגט שלאָפן. דורכן אָפענעם פענצטער האָט אַריינגעקוקט אַ פול־אויסגעשטערנטער הימל, עס האָט געבלאָזן אַ קיל, פריש ווינטל, פון אַ זומערדיגער נאַכט אין אַ יונגער שטאָט אין דער טייגע. און אין דער פינצטער־ניש פון דער נאַכט זיינען אויפגעגאַנגען ווייסע ווענט פון נייע הייזער.

נײלעבן (דעצעמבער, 1936)

זיך פאַרלאָרן, עס וואָלט ביי אים געפאַלן די שטימונג, אָדער ער וואָלט זיך קלייבן צוריק פון בירא בידזשאַן. גדליה רובינשטיין איז אָבער ניט אַראָפּגעפאַלן ביי זיך. ער האָט זיך גלייך איינגעשלאָסן אין דער בויאונג. ס'איז אַוועק ניט קיין סך צייט, — דאָס הויז, וואו רובינשטיין האָט געוואוינט, איז פאַרענדיגט געוואָרן און זיין צימער — אויך. פאַראַן שוין מעבל. אויף דער אַרבעט זעלבסט האָט ער געהעכערט זיין קוואַליפיקאַציע און ער פאַרדינט שוין איצט 500 רובל אַ חודש. זיין נאָרמע פילט ער אויס אויף 200-250 פראָצענט, ער איז געוואָרן אַ סטאַכאַנאָוועץ, איינער פון די חשוב'ע מענטשן אויף דער בויאונג פונם זאַוואָד.

רובינשטיין איז ניט איינער. אַזעלכע, ווי ער זיינען: בערגער — דער שטוקאַטור פון באַרג־מעטאַלורגישן טעכניקום, קאָסיאַקאָוו און אַבראַמאָוו פון אַרטעל „רעוואָלוציע־ראָד". פליאַשניקאָווע פון קאָלווירט „קאַגאַנאָוויטש", און נאָך הונדערטער און טויזנטער...

צווישן די איבערוואַנדערער, וואָס קומען אין געגנט, זיינען פאַראַן אָבער אויך אַזעלכע עלעמענטן, וואָס טוען דאָ אַ סך שאָדן: עס קומען פאַרשיידענע קלאַסן־פרעמדע און פאַרדעכטיגע עלעמענטן פיזיש קראַנקע, ניט צוגעפּאַסטע צו דער אַרבעט, אויף וועלכער זיי זיינען געשיקט. אַט־די עלעמענטן טראָגן אַפּט אַריין דעזאָרגאַניזאַציע אין דער אַרבעט, טעראָריזירן אָפּט די טוער מיט פאַרשיידענע אומגעריכטע אָנקלאָגעס פון „איבערוואַנדערער". שולדיג אין דעם זיינען ניט בלויז די „קאָנטינגענטן", נאָר איבערהויפּט זיינען דאָ שולדיג די קאָמערד־און געזערד־טוער פון די אויסוואַנדערונגס־ערטער, וואָס שיקן אַזעלכע קאָנטינגענטן (גרופּעס איבערוואַנדערער).

אין אויגוסט איז געקומען קיין בירא בידזשאַן דער בוכהאַלטער ראַווינאָוו (געשיקט פון פּאָלטאַווע). ראַווינאָוו האָט באַקומען 1,500 רובל אויף וועג־הוצאות. דאָ האָט ער געזאָלט אָנקומען אַרבעטן אין פילגעווערב־פאַרבאַנד, מיט אַ גוטן געהאַלט. צוויי טאָג איז ראַווינאָוו אָפּגעווען אין בירא בידזשאַן און איז אַוועקגעפאָרן. געוויס, פאַרשפּרייט אָט דער ראַווינאָוו פאַרשיידענע רכילות אויף בירא בידזשאַן, דערציילט זיינע „איינדרוקן" פאַר צוויי טעג — ער דאַרף דאָך מיט עפּעס באַרעכטיגן זיין אָפּפאָר...

דער זעלבער פּאָלטאַווער געזערד האָט געשיקט אין געגנט איינעם אָרשעווסקי, לויטן אָרדער אויף שוואַרץ־אַרבעט. ווי נאָר אָרשעווסקי איז געקומען, האָט ער אַרויסגענומען פון קעשענע זיין אינוואַליד־ביכל און באַוויזן, אַז ער איז אַן אינוואַליד פון דער דריטער קאַטעגאָריע און אויף שוואַרץ־אַרבעט טאָר ער ניט גיין. ער האָט אויך באַוויזן איינציגע דאָקומענטן, אַז ער האָט געאַרבעט אין פּאָלטאַווע אויף ווירטשאַפטלעכער אָנפירנדיגער אַרבעט. ער האָט געזוכט בלויז אַן אַרבעט, וואו מען גיט אַ גרויסן געהאַלט. דאָס זעלבע האָט זיך באַקומען מיט'ן איבערוואַנדערער בראָדסקי, וועלכן ס'האָט געשיקט קיין בירא בידזשאַן דער קיעווער קאָמערד.

מען וואָלט געקענט ברענגען נאָך אַזעלכע ביישפּילן. גענוג צו זאָגן, אַז פאַרן יאָר 1936 האָט די געגנטלעכע קאָמערד־פאָרשטייערשאַפט געמוזט אָפּשיקן צוריק ביי 20 משפּחות פאַרשיידענע פיזיש־קראַנקע מענטשן. וויפיל קאָסט עס איבעריגע מלוכה'שע געלט, וויפיל שטערט עס דער אַלגעמיינער אַרבעט!

* * *

די איבערוואַנדערונג אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט וועט גיין נאָך ניט איין יאָר. דעריבער איז דער אָפּקלייב פון די איבערוואַנדערער־קאָנטינגענטן, וואָס זאָלן אַנטשפּרעכן די פאָדערונגען פון דער געגנט — איינע פון די וויכטיגסטע אויפגאַבעס פון די קאָמערדן און געזערדן אין די אויסוואַנדערונג־ערטער. און וואָס איז שייך די שוועריגקייטן אין דער געגנט גופא, זיינען זיי בלויז צייטווייליגע, און וואָס מער מענטשן עס וועלן זיין אין געגנט, אַלץ גיכער וועלן דיזאָזיגע שוועריגקייטן אויסגעלעבט ווערן.

**ניילעבן** (דעצעמבער, 1936)


# $1,000 אין פּרעמיעס

## פאַר דער בעסטער אַרבעט וועגן בירא־בידזשאַן.

**די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיוו פון „איקאָר" האָט באַשלאָסן אָנצוהייבן אַ קאָנטעסט פאַר די בעסטע אַרבעטן וועגן בירא־בידזשאַן.**

עס ווערן באַשטימט די פאָלגנדיגע פּרעמיעס:

| אידיש: | ענגליש: |
| --- | --- |
| 1־טע פּרעמיע 250 דאָלאַר | 1־טע פּרעמיע 250 דאָלאַר |
| 2־טע פּרעמיע 100 דאָלאַר | 2־טע פּרעמיע 100 דאָלאַר |
| 3 פּרעמיעס צו 50 דאָלאַר | 3 פּרעמיעס צו 50 דאָלאַר |

**צוזאַמען — 10 פּרעמיעס אויף דער סומע פון 1,000 דאָלאַר.**

יעדער איינער קאָן זיך באַטייליגן אין דעם קאָנטעסט (אויסער די אָנגעשטעלטע אין נאַציאָנאַלן אָפיס פון „איקאָר"). די אַרבעטן קאָנען צוגעשיקט ווערן אָדער אין אידיש, אָדער אין ענגליש.

אַלע מאַנוסקריפּטן דאַרפן זיין געדרוקט אויף אַ שרייבמאַשין, אויף איין זייט פון פּאַפּיר און דאַרפן אָנגעבן בלויז אַ פּסעוודאָנים. דער ריכטיגער נאָמען דאַרף צוגעשיקט ווערן צוזאַמען מיט דעם מאַנוסקריפּט אין אַ באַזונדער ענוועלאָפּ. אין דעם ענוועלאָפּ דאַרף זיין דער ריכטיגער נאָמען און דער פּסעוודאָנים.

אַלע אַרבעטן דאַרפן אַריינקומען אין אָפיס פון „איקאָר" ניט שפּעטער פון דעם 15טן פעברואַר 1937.

צו דעם יום טוב פון 9 יאָר בירא־בידזשאַן, דעם 28טן מערץ 1937, וועלן פאַרעפנטלעכט ווערן די באַשלוסן פון דער קאָנטעסט־דזשורי.

די טעמע איז ווי פאָלגט:

בירא־בידזשאַן:

א. ווי עס איז געקומען צו בירא־בידזשאַן.
ב. וואָס שטעלט בירא־בידזשאַן מיט זיך פאָר.
ג. די פּערספּעקטיוון פון בירא בידזשאַן.
ד. די באַדייטונג פון בירא־בידזשאַן פאַר די אידן פון דער גאַנצער וועלט.

דער צוזאַמענשטעל פון דער ספּעציעלער דזשורי וועט באַזונדער אַנאָנסירט ווערן.

עס ווערט ניט געמאַכט קיין באַגרענצונג אין דער גרויס פון דער אַרבעט וועגן בירא־בידזשאַן.

דער איקאָר רעזערווירט פאַר זיך דאָס רעכט אָפּצודרוקן די צוגעשטעלטע אַרבעטן, אָדער טיילן פון זיי. די בעסטע עסעיס וועלן אַרויסגעגעבן ווערן אין אַ בוך פאָרם.

שיקט צו אַלץ אויף דעם אַדרעס:

Icor Biro Bidjan Contest Committee

Room 514, 799 Broadway, New York, N. Y.

ל. גאָרעליק

# היטלער זאָגט

אי, כ'וואָלט וועלן האָבן איצט:
סיביר, אוראַל, אוקראַינע,
עס זאָלן אַלע אוצרות דאָרטן
זיין אינגאַנצן מיינע.

וואָלט מיין נאַצי שוין געהאַט
פּוטער, פלייש און אייער;
אַי, וואָלט מען דאָס אַ פרעס־געטאָן —
ווען ניט דער רויטאַרמייער!

אוקראַינער לאַנקעס זענען פול
מיט שעפּסן, קי און ביקעס;
אַי, וואָלט מען דאָס אַ לעב געטאָן —
ווען ניט די באָלשעוויקעס!

דערווייל איז שלעכט, מ'הונגערט צו,
פאַרדאַמט און דאָנערוועטער!
איך זאָג דערווייל זיי גליק צו —
גיב האָפנונג אויף שפּעטער...

נאָר גיי ווייס איצט, ווי לאַנג איך קען
נאָך אָנהאַלטן דעם ליגן,
און דעם הונגעריגן דייטש
מיט אידנהאַס פאַרוויגן?

גיי ווייס איצט ווי לאַנג איך קען
צוריקהאַלטן די צרה —
און אַז איך זאָל אינגיכן גאָר
ניט ווערן די כפּרה.

וואָלט איך נויטיק איצט באַדאַרפט
סיביר, אוראַל, אוקראַינע!
עס זאָלן אַלע אוצרות דאָרטן
זיין אינגאַנצן מיינע.

דאָס פעלד, די שטאָט, פאַבריק און טייך,
די שעפּסן, קי און ציגן —
דער ריינבלוטיגער אַריער וואָלט
הייל היטלער דאָרט געשריגן.

הכלל, איך וואָלט גענומען אַלין
און ס'וואָלט געווען אַ לעבן!
שטייט אויף דער וועג די רויטאַרמיי
און וויל דאָס מיר ניט געבן!

---

ל. פיינבערג

# פאַרשטויבטע ריטער

אין די שטעטלעך אָפּגעבליטע,
אין געשפּענסט פון יאָמערטאָל
ליגן טויט פאַרשטויבטע ריטער
פון דעם כאָרעווען אַ מ אָ ל:

דער באַל־טאַקסע און ראַבינער
און דער שויכעט — דער „טיראַן"
שנײַדט די העלזער ביי די הינער,
רייסט אַ פּאַס ביים אָרימאַן.

און דער מעקלער עלי־כאַנע,
מיטן פּעמפּיק, מיטן בויך,
מעקלערט זון מיט דער לעוואָנע,
פירט געשעפט מיט ווינט און רויך.

און דער וואָכערניק, דער צערבער,
מיט די רויטע זויגער־הענט, —
כאַטש פאַרקויף דאָס העמד פון קערפּער
און דערלאַנג אים זיין פּראָצענט.

און דער סטאַראָסטע רעב לייבל
מאַכט אַ כעזשבן פון „ד אָ כ אָ ד",
אַז דריי־פערטל זאָל אים בלייבן
פון דער שול און פון דער באָד.

און דער בעדער באָרעך־שאַיע
וואַשט די גווירים יעדע וואָך:

פאַר אַ צווייער, פאַר אַ דרייער,
פאַר אַ בייגל מיט אַ לאָך.

און דער נאַר, דער באַלמעלאָכע
אַרבעט, פּראַצעט אָן אַ שיער:
פאַרן נאָגיד'ס מאַזל־בראָכע,
פאַרן וואוילזיין פונם גוויר.

און דער ב'רנער באַלעגאָלע,
און דער שאַדכען — קליין און רויט,
מיט צעשפּרייטע, ברייטע פּאָלעס
יאָגט זיך נאָך אַ שטיקל ברויט.

און דער רעבע מיטן גאַבע,
און דער קרעמער מיט זיין יאָך,
און דער טשאַריענדיגער שאַבעס,
און די יאַדישליווע וואָך.

און דער בעטלער מיט דער טאָרבע,
און דער שמש מיט'ן ראָוו —
איז געקומען דער אָ ק ט אָ ב ע ר
און פאַרכאַסמעט זייער סאָף.

ליגן טויט פאַרשטויבטע ריטער —
ניט קיין פּיפּס און ניט קיין שאָרך...
ניט קיין שטורעם, קיין געוויטער
רירט די ריטער נישט פון אָרט.

ביז אויף כורוועס איבער פליינען
האָט צעשאָלט זיך רויטער רוף...
שאָרכן ווינטן... קראַכןביינער...
טויטע ריטער וואַכן אויף...

צו די ראַכוועסן סיבירער,
צו די סאָפּקעס פון כינגאַן,
אין קאָלכאָזן ביי דער בירע,
צו די ברעגן פון בידזשאַן,

קומען ריטער אופגעוואַכטע,
פאַר אַ נייעם לעבן גרייט...
קוקן ריטער, האַלטן וואַכטע:
ס'אַרא ראַכוועס, ס'אַרא פרייד!

* * *

דאָס ליד „פאַרשטויבטע ריטער" איז דער צווייטער טייל פון ליד "אַרטשע קויגען שרייבט פון בירע־בידזשאַן", וואָס איז געווען געדרוקט אין נאָוועמבער־נומער „נײַלעבן".

דאָס ליד שילדערט, ווי אַזוי אַרטשע קויגען, אַ געוועזענער ציוניסט, וועלכער איז געקומען קיין בירע־בידזשאַן פון אַמעריקע, דערזעט די אידן פון די חרוב'ע שטעטלעך און ווי זיי בויען איבער זייער לעבן אויף דער נייער ערד פון דער אידישער אויטאָנאָמער טעריטאָריע.

אהרן קורץ

# אַ נאַכט אויף אַ באַן

אַ באַן פֿליט.
די נאַכט פֿליט מיט.
אַלע שלאָפֿן, — נאָר ניט דער איד.

עס קלאָגן רעדער
אויף מײַן וועג איבערן לאַנד:
אין לויכטנדיקן גלי בליִען פֿלאָרידער און קאַליפֿאָרניער סעדער.
די ערד איז גוט דאָ, און די זון
צייטיקט אויס די שפֿע מיט אַ שעפֿערישער האַנט.

עס קלאָגן רעדער
אויף מײַן וועג איבער די שטאַטן.
איך ליג דורך נעכט אויף מײַן געלעגער
און הער אין באַן־רעדער גערודער פֿון האַרמאַטן.

אַמעריקע האָט אײַנגעשפּאַנט
דעם גאַנצן אימפּעט פֿון געיעג,
פֿלי איך מיט איר „סטרימלײַן"־אײַזנבאַן
צוגרייטן די ברידער צו ביטערן געשלעג.

רעדער רודערן
און קלאָגן:
אינאײנעם, אַזוי נאָענט אין געשפּאַן
און שווער זיך ברודערן
און שווער די שנאה איינער צו דעם אַנדערן צו טראָגן.

און די רעדער רײַדן שנאה,
און די רעדער רײַדן האַס.
לאָקאָמאָטיוו האָט זיך מיט הייסן האַסט פֿאַרכלינעט,
צעהודיעט זידנדיקן כּעס.

דעם צאָרן פֿון דער וועלט רודערן די רעדער
דורך מײַן אומרואיקן קישן.
זומער־ווינטלעך דורכן פֿענצטער פּרובירן צו
באַרואיקן, דערפֿרישן,
נאָר וואָס איז זומער קעגן וואַלד מיט טיגערס
וואָס אין אַלע ווײַטיקדיקע הערצער זיך אַרײַנגעביסן.

אינדערפֿינצטער פֿליִען פֿענצטער
זעכציק מײַל אַ שעה,
פֿליִען אימה'דיקע בילדער פֿון מײַן לעבן ניט פֿאַרענטפֿערט,
ווי לויף פֿון בלוטיקע מיסטעריעס
אין ביליקן קינאָ.

כ'בין הײַנט געגאַנגען איבער נאָך אַן אײגענער
פֿאַרפֿרעמדטער שטאָט,
האָב איך געזען אין געסלעך קליינע קראָמען ווײנען.
קינדער, — יעדעס קינד — מאָגער ווי אַ שפּראָט.
דער שטאָט־פּאַרק בליט — אַן אויפֿגעפּוצטער און אַ רײנער.

איך האָב דאָ פֿאַר אַ נאָווינע געזען דעם אַלטן
הונט — דעם דלות —
קריכן איבער שטיגן, ווענט און שוועלן.
געזען אַ אידן אין אַ צעפֿלעקטן גלות'דיקן טלית
בײַ זײַן אַרויסגעוואָרפֿן „מ'שטיינסגעזאָגט" דאַווענען זיך שטעלן.

פֿליִען בילדער — קרומע שפּרינגענדיקע שאָטנס, —
שטיבלעך, קופּקעלעך און בערגלעך — מצבֿות

אויף פֿינצטער פֿעלד פֿון לעבן, וואָס איז קײנמאָל ניט געראָטן.
די לבֿנה — אַ יוסטע באַלעבאָסטע, —
האַלט זיך בײַ איר קאַלטן שמײכל,
וויפֿיל בלוט דאָס זאָל ניט קאָסטן.

אומשולדיק ווי די לבֿנה — איז דער וועלט'ס „געוויסן",
די גאָלד־קרוין איבער טראָנען,
האַנפּשטענגל'ס האַרוואַרד־וויסן,
פֿאַשיסטישע „פּאָעזיע", וואָס קומט
דאָס ביטער לעבן צו „פֿאַרזיסן".

רעדער רײַדן רײד
פֿון שוואַרצע לעגיאָנען.
רעדער רײַדן רײד
פֿון „הײליקע", פֿון „געטלעכע" —
פֿון כּישוף'דיקע קאָגלין־גראַמאַפֿאָנען.

רעדער רײַדן רײד
וואָס מאָלן בולט'ער די יאָגנדיקע בילדער.
רעדער רײַדן רײד
פֿון האָפֿענונגען אויסגעשפּילטע.

רײד איך, יאָגנדיק, דורך פֿינצטערניש,
און די אויגן ברייט כ'צעעפֿן:
מע וועט פּלינדערן — אויב, דערווײַל, מען פּלינדערט ניט,
און אונדז וועט מען די ערשטע טרעפֿן.

מוזן מיר אַלײן דעם האַסטיקן לאָקאָמאָטיוו
אַ יאָג טאָן,
און די צאָרנדיקע רעדער
ראַשיקער צערודערן,
מיט דער גאַנצער ברענענדיקער שנאה אויפֿן שונא זיך
אַ טראָג טאָן,
און מיר, וואָס שטאַרקער,
ברודערן זיך,
ברודערן.

גענוג געיאָגט זיך — דער אַהין און דער אַהער,
מיר אַלע לעבן אין אַ וואַלד.
ווען פֿוקס און האָז צעשלאָגט זיך —
מאַכט בײדן חתונה — דער בער.
דער „גרויסער איד"
וועט אונדז נאָר „העלפֿן" מיט זײַן גאַל.

איז — צעבלאָזן די סירענעס,
קוילן האַסטיקער אין אַלע קעסלען.
ס'פֿרעגט די צײַט איצט: ווער וועט וועמען?
און ווער האָט ב ל ו ט י ק ע ר ע וועקסלען?

קלאָגט ניט, רעדער, קלאָגט ניט,
אונדזער צאָרן שטאַרקער זאָל נאָך רודערן.
נעמט־אויף מײַן וואָרט, ברידער,
וואָס קײן אַנדער קלאַס פֿאַרמאָגט ניט,
יאָגט אַן די באַן
און לאָמיר ברודערן זיך,
ברודערן.

# נייעס פון ביראָ בידזשאַן

## לימענעס וועלן וואַקסן אין די הייזער

לימענעס זיינען זייער אַ וויכטיגע פרוכט, וואָס פאַרמאָגט וויכטיגע אייגנשאַפטן. איבערהויפּט האָבן זיי אַ גרויסע ווערט צוליב דעם וויטאַמין „סי“, וואָס זיי פאַרמאָגן. האָט זיך געשטעלט די פראַגע וועגן דער מעגלעכקייט צו קולטיווירן לימענעס אין ביראָ בידזשאַן. איז אָבער פאַראַן אַ פּראָבלעם, וואָס לימענעס קאָנען ניט אַריבערטראָגן קיין פרעסט (ניט מער פון 2 גראַד פראָסט), און דעריבער קאָן מען אין ביראָ בידזשאַן ניט קולטיווירן קיין לי־מענעס אויף אַן אָפענעם באָדן. האָבן אָבער אַגראָנאָמען זיך דער־שלאָגן צום געדאַנק פון אַנטוויקלען לימענעס, אויף אַ ברייטן פאַר־נעם, אין די הייזער.

דער אַגראָנאָם פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט פּ. בע־ליקאָוו האָט דעם דאָזיגן פּלאַן באַקאַנט געמאַכט און האָט דערביי דערקלערט ווי אַזוי ער קאָן דורכגעפירט ווערן. מען איז טאַקע שוין צוגעטראָטן צו דער פּראָבע. אָט וואָס ער האָט דערקלערט:

דער בוים פון דער לימענע אין שטוב, אין אַ פּעסעלע, דער־גרייכט ניט מער פון איינעם ביז אַנדערהאַלבן מעטער די הויך, איז שטענדיג גרין, מיט אַ שיינער קרוין, בליט אַ קיילעכיג יאָר מיט פיין־דופטנדיגע בלומען. די־לימענע־ביימער אין שטוב זיינען זייער פרוכטבאַר און ברענגען פאַר אַ יאָר פון 200 ביז 300 לימע־נעס פון אַ בוים. אַזוי אַרום קאָן איין לימענע־בוים באַפרידיגן די באַדערפענישן אין לימענעס־פרוכטן פאַר אַ גאַנצער משפחה. די מיטלען ווי צו פאַרמערן די לימענע־ביימער זיינען זייער לייכטע, צוטריטלעכע פאַר יעדערן.

האָיאָר האָט דער געגנט־קאָמיסאַריאַט איבער ערד אויסגע־שריבן פון קאַווקאַז 500 וואָרצל־שטענגלעך פון לימענעס, מאַנדאַ־רינען און אַנדערע ציטרוס־געוויקסן, וואָס וועלן ווערן אויסגענוצט אַלס מאַטעריאַל אויף פאַרמערן אָט־די פרוכטן אין באַוואָרעמטע באַדינגונגען. אויסשרייבן אָט־די שטענגל־זריעה פון לימענעס קאָן מען אין די סובטראָפּישע פּראָווו־סטאַנציעס אין די שטעט סאָטשי־סוכום און באַטום.

די לייכטקייט פונם קולטיווירן, די דעקאָראַטיוויקייט, שיינ־קייט, דופטיקייט און פרוכטבאַרקייט פון די לימענע־ביימער דאַרף זיי פאַרוואַנדלען אינם גרונט־געוויקס צו באַגרינען די דירות, גאַר־קיכן, קלובן און צעכן פון אונזער געגנט.

## נייע לערער געקומען קיין ביראָ בידזשאַן

דעם 15־טן אויגוסט זיינען געקומען צו פאָרן קיין ביראָ בי־דזשאַן אויף אַרבעט אין די שולן פון דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט 34 לערער, וואָס האָבן האַ־יאָר געענדיגט דעם זשיטאָמירער פּעדאַגאָגישן טעכניקום. ביז ביראָ בידזשאַן האָט די גראַדואירטע פון דעם זשיטאָמירער פּעדאַגאָגישן טעכניקום באַגלייט דער מוזיק־לעקטאָר פון טעכניקום חבר שולמאַן.

דעם זעלבן טאָג זיינען געקומען צו פאָרן קיין ביראָ בידזשאַן נאָך 6 לערער: איינער פונם אידישן אָפּטייל פון מאָסקווער בוב־נאָוו־אינסטיטוט, איינער פון סמאָלענסקער לערער־אינסטיטוט און פיר לערער מיט אַ פּעדאַגאָגישן אַרבעט־סטאַזש.

## לערער־קאָנפערענץ פון דער שטאָט ביראָ בידזשאַן

דעם 21־טן אויגוסט האָט זיך געעפנט די לערער־קאָנ־פערענץ פון דער שטאָט ביראָ בידזשאַן און דער אומגעגנט. אין דער קאָנפערענץ האָבן זיך באַטייליגט ביז 90 לערער און בילדונג־טוער.

די פאַרוואַלטער פון שטאָט בילדונג קאָמיטעט חבר'טע ק ע ל ע ר מ אַ ן האָט געעפנט די קאָנפערענץ מיט אַ קורצן אַריינ־פיר־וואָרט וועגן די אויפגאַבן, וואָס שטייען פאַר דער סאָוועטישער לערערשאַפט אין דעם קומענדיגן לערניאָר.

## אַ ברייטע ראַיאָנען־קאָנפערענץ פון לערער

דעם 21־טן און 26־טן אויגוסט איז אין סמידאָוויטש פאַרגע־קומען אַ צווישנראַיאָנישע לערער־קאָנפערענץ פון בירער און סמי־דאָוויטשער ראַיאָן, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליגט 150 לערער. די קאָנפערענץ האָט דער עיקר געווענדעט איר אויפמערק־זאַמקייט אויף אויפצודעקן די פעלערן פון דעם פאַריגן לערניאָר און אויף אָנצומערקן די אויפגאַבעס פון דער פאַרשטייענדיגער אַרבעט.

## פאַבריק „איקאָר“ שטייגט אַריבער איר אויפנאַמס־קוואָטע

די פאַבריק „איקאָר“ (סאַצשטעטל) דאַרף לויטן פּלאַן אויפ־נעמען ביזן 1־טן יאַנואַר, 1937, 30 פאַמיליעס. שוין איצט, ביז אויגוסט, האָט זי אויפגענומען 27 פאַמיליעס און 30 יחידים (קיין יחידים זיינען אין פּלאַן בכלל ניט געווען). אַלע ניי־געקומענע איבערוואַנדערער זיינען באַזאָרגט מיט וואוינונגען און מיט גערטנער.

## אַן אָוונט געווידמעט דעם דיכטער מ. כאַשטשעוואַצקי

דעם 25־טן אויגוסט אין אָוונט איז אין זאַל פון דעם באַרג־מעטאַלורגישן טעכניקום פאַרגעקומען אַ ליטעראַרישער אָוונט, גע־ווידמעט דער שאַפונג פון דעם אידישן סאָוועטישן דיכטער, מ. כ אַ ש ט ש ע וו אַ צ ק י, אָרגאַניזירט דורכן שרייבער־פאַרבאַנד. אינם אָוונט האָט זיך באַטייליגט די סטודענטנשאַפט פון שטאָט ביראָ בידזשאַן, שרייבער, קולטור־טוער און אַרבעטנדיגע.

## זי וואַקסט צוזאַמען מיט ביראָ בידזשאַן

קלאַרע בעקער, וועלכע איז מיט צוויי יאָר צוריק געקומען קיין ביראָ בידזשאַן שרייבט אין דעם „ביראָ בידזשאַנער שטערן“:

„ס'איז געוואָרן צוויי יאָר זינט כ'בין געקומען אין דער אידי־שער אויטאָנאָמער געגנט און ס'ווילט זיך מיר אויסדריקן מיינע פרייד־געפילן פון אָט־דעם טאָג.

„פאַר דער דאָזיגער צייט איז די געגנט שטאַרק אויסגעוואַקסן, און כ'בין גליקלעך, וואָס כ'געפין זיך דאָ אין אַזאַ צייט און די געגנט וואַקסט פאַר מיינע אויגן.

„צוזאַמען מיט דער געגנט וואַקסן אויך אירע מענטשן, און כ'בין גליקלעך, וואָס אויך איך וואַקס, אויך איך קוואַליפיציר זיך. איך לערן זיך אין פּעדאַגאָגישן טעכניקום, איך גרייט זיך ווערן אַ לערערין.

„איצט שטרעב איך אַריינצוטרעטן אין לענינישן קאָמיוג. צו־ליב דעם דאַרף איך העכערן מיינע פּאָליטישע קענטענישן, און אי־בער דעם אַרבעט איך איצט.

„אונזער אויפבליענדיגע סאָציאַליסטישע אידישע אויטאָנאָמע געגנט איז געוואָרן מיין היים. איך וועל איר אָפּגעבן אַלע מיינע כחות.“

# פאַקטן וועגן דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט

## איבערוואַנדערונג

| | |
|---|---|
| 1935 | 8,344 מענטשן |
| 1936 )ערשטע 8 חדשים( | 5,128 " |

## פאַנאַנדערטיילונג פון די איבערוואַנדערער אין 1935
(וויכטיגע גרופּעס)

| | |
|---|---|
| אינדוסטריעלע קאָאָפּעראַציע | 1,910 מענטשן |
| בויאונג | 1,501 " |
| קאָלווירטן | 693 " |
| ראַטווירטן | 446 " |

## וואוקס פון פאַרזיי-שטח

| יאָר | שטח |
|---|---|
| 1928 | 17,165 העקטאָר |
| 1934 | 33,000 " |
| 1935 | 38,460 " |
| 1936 | 42,000 " |

## וואוקס פון דער צאָל קאָלווירטן

| יאָר | קאָלווירטן |
|---|---|
| 1932 | 52 |
| 1935 | 68 |
| 1936 | 69 |

## וואוקס פון קאָלווירטישען סעקטאָר

| יאָר | שטח |
|---|---|
| 1928 | 188 העקטאָר |
| 1930 | 14,190 " |
| 1934 | 19,177 " |
| 1935 | 22,988 " |
| 1936 | 27,000 " |

## פאָלקס-פאַרבינדונג
בריוו, געלט-איבערווייזונגען
(אין ביידע ריכטונגען)

| יאָר | צאָל |
|---|---|
| 1930 | 27,425 |
| 1932 | 156,300 |
| 1935 | 5,349,073 |

## פּרעסע פאַרשפּרייטונג (אין עקזעמפּליאַרן)

| יאָר | צאָל |
|---|---|
| 1930 | 567,,000 |
| 1932 | 2,640,000 |
| 1935 | 9,331,600 |

## צווישנשטאָטישע טעלעפאָן-געשפּרעכן

| יאָר | צאָל |
|---|---|
| 1930 | 879 |
| 1932 | 8,602 |
| 1935 | 63,608 |

## באַן-בילעטן פאַרקויפט אויף דער סטאַנציע בירא-בידזשאַן

| יאָר | צאָל |
|---|---|
| 1923-24 | 743 |
| 1928-29 | 10,423 |
| 1935 | 54,393 |

# ניי-זלאַטאָפּאָלער אידישער נאַציאָנאַלער ראַיאָן אין אוקראַינע

## דער וואוקס פון ראַיאָן

### מעכאַניזאַציע פון דער לאַנדווירטשאַפט

אין 1933 יאָר — 2534 פערד-קראַפט.
אין 1934 יאָר — 2850 "
אין1935 יאָר — 3566 "
אויפן 1טן אַפּריל
1936 יאָר — 3940 "

די גערעטענישקייט פון קערנער-קולטורן האָט זיך פאַרגרעסערט פון 7,3 צענטנער פון אַ העקטאָר אין יאָר 1933 ביז 9,6 צענטער אין יאָר 1935.

### דאָס אַריינדרינגען פון אַגראָטעכנישע מאָסמיטלען

דאָס אופאַקערן פאַר אין פאַרגלייך מיטן יאָר 1933, האָט זיך פאַרגרעסערט אין אנדער-האַלבן מאָל.

פריר-אַקער אין 3 מאָל.

די יאַראָוויזאַציע האָט זיך פאַרגרעסערט אין 24 מאָל.

דאָס באַמיסטיגן די פעלדער האָט זיך פאַר-גרעסערט אין 90 מאָל.

האַיאָר האָט מען פאַרבאַראָנעוועט 83 פּראָ-צענט ווינטער-ברויטן.

קולטיווירט 38 פּראָצענט פונם פריר-אַקער.

צונויפגעקליבן 10 טויזנט עמער זשוזשע, 500 צענטנער הינער-מיסט און אַש.

## גערטנעריי

אין פאַרגלייך מיטן יאָר 1933, האָבן זיך די סעדער אין יאָר 1936 פאַרגרעסערט אין 2 מיט אַ האַלבן מאָל.

ווייַנגערטנער אין אָנדערהאַלבן מאָל.

גערטנעריי אין — 21 מאָל.

אין יאָר 1936 וועט מען פאַרפלאַנצן 75 העק-טער סעדער און 80 העקטאָר ווייַנגערטנער.

## פיצוכט

די צאָל פי האָט זיך פאַרגרעסערט אין פאַר-גלייך מיטן יאָר 1933 :

האָר-פי אויף 38,5 פּראָצענט.
בהמות אויף 15 פּראָצענט.
חזירים אויף 80 פּראָצענט.
שאָף אויף 125 פּראָצענט.
בינען אויף 30 פּראָצענט.

## זעלבסטעטיקייט

### דראַם-קרייזן

אין יאָר 1935 — 15 — 222 מענטשן.
אין יאָר 1936 — 22 — 315 מענטשן.

### כאָר-קרייזלעך

אין 1935 יאָר 6 — 155 מענטשן
אין 1936 יאָר 10 — 183 "

### מוזיקאַלישע קרייזלעך

אין 1935 יאָר 7 — 45 מענטשן
אין 1936 יאָר 12 — 79 מענטשן.

## פאָלקס-בילדונג

דער אַלגעמיינער בודזשעט אין יאָר 1935 האָט באַטראָפן 496,600 רובל, אין 1936טן יאָר 895,900 רובל.

## לערער-געהאַלט

דער געהאַלט פאַר די לערער פון ראַיאָן האָט באַטראָפן :

אין 1935טן יאָר 328,600 רובל.
אין 1936-טן יאָר 610,800 רובל.

## געבורט

אין יאָר 1934 זיינען אין ראַיאָן געבוירן גע-וואָרן 310 קינדער.

אין 1935-טן יאָר 383 קינדער.

אין ערשטן קוואַרטל 1936טן יאָר 99 קינדער.

## בודזשעט אויף קינדער-יאַסלער („דעי-נוירסעריס")

אין 1935טן יאָר 17 טויזנט רובל.
אין 1936טן יאָר 67 טויזנט רובל.

## געבורט-הייזער

אין 35טן יאָר — געווען 2.
אין 1936טן יאָר — פאַראַן 6.

# אידישע האָרעפּאַשניקעס ביי דער אַרבעט אין דעם לאַנד וואו זיי זיינען געוואָרן פריי און גליקלעך



אין דער מעבל פאַבריק „איקאָר“, אין בירא-בידזשאַן



די יוגנט אין פעלד.



מ. קאַטעל

דער ניי-דערוויילטער פאָרזיצער פון דער רעגירונג
פון בירא בידזשאַן



דער טראַקטאָריסט הנא ברייטערמאַן אויף די פעלדער
פון קאָלווירט „איקאָר“.





אין דער בירא-בידזשאַנער עקספערימענטאַלער סטאַנציע

מיטגלידער פונם גרויסן אינטערנאַציאָנאַלן קאָלווירט „סאָציאַליסטישער וועג“.

בכלל ווערט דאָס לעבן פון די אַרבעטנדיגע אין טשעדרין גרינגער, פריידיגער, קולטורעלער. אָנשטאָט דער אַמאָליגער ישיבה איז דאָרט איצט פאַראַן אַ גרויסע 7־יאָריגע סאָוועטישע שול, וואו עס לערנען זיך איבער 300 קינדער, אַן אָוונט־שול, וואו עס לערנען זיך עטלעכע צענדליג עלטערע קאָלווירטניקעס. אינם סאָוועט ריידן די קאָלווירטניקעס אויף זייער מוטער־שפּראַך.

אינם קאָלווירט „סאָציאַליסטישער וועג“ ווערן ביי דער אַרבעט געזונגען פיל אידישע לידער. אָט־די לידער זיינען ניט קיין שאַפונגען פון „פּראָפעסיאָנעלע“ דיכטער — זיי זיינען שאַפונגען פון פאָלק. זיי ווערען טאָקע געבוירן ביי דער אַרבעט און שפּיגלען אָפּ די שטימונגען פון פרייד, וואָס גייען־אויף אינם נייעם אויפגעריכטן לעבן פון טשעדרין. אָט איז איינס פון די דאָזיגע לידער:

„אָנגעשריבן כ׳האָב אַ בריוו,
סטאַלינ׳ען כ׳וועל שיקן.
אונזער לאַנד האָט ער דערפירט
צו פריידן און צו גליקן“.

„צו פריידן און צו גליקן“ — אויף אָטדעם וועג גייט דאָס לעבן אין טשעדרין און אין אַלע אַנדערע שטעט און שטעטלעך, וואו אַמאָל, אין די צאַרישע יאָרן, פלעגן הערשן דלות, עקספּלואַטאַציע, חושך און אומעט.

## אַ גרוס פון שטעטל קאַפּאַטקעוויטש

אַ פריילעך לעבן איצט אינם שטעטל קאַפּאַטקעוויטש (ווייסרוסלאַנד), וואָס פלעגט אונטערן צאַרישן רעזשים זיין איינגעטונקען אין דלות. פריי און פריילעך לעבט זיך איצט די דאָרטיגע אַרבעטנדיגע. אַלע 75 אַרטעל־מיטגלידער — שרייבט דער קאַפּאַטקעוויטשער קאָרעספּאָנדענט אינם מאָסקווער „עמעס“ — האָבן איצט אייגענע הייזער, בהמות, חזירים. כמעט ביי יעדן אין שטוב איז פאַראַן אַ ראַדיאָ. יעדערער שרייבט אויס אַ צייטונג“.

און אָט־וואָס דער קאָרעספּאָנדענט דערציילט וועגן די זין און טעכטער פון די קאַפּאַטקעוויטשער באַלמעלאָכעס: „דעם שוסטער פיניע שענקמאַנ׳ס זון איז אַ מיטאַרבעטער אין דער רעדאַקציע „אָקטיאַבער“ אין מינסק. לעלשטשוק׳ס אַ זון איז אַן אינזשענער אין קאַזאַקסטאַנער רעפּובליק, זיינער אַ צווייטער זון ענדיגט אין מאָסקווע אַן אַרבעטער־פאַקולטעט. אַ דריטער זון לערנט זיך אין מינסקער אידישן פּעדאַגאָגישן טעכניקום. פיניע סלאַבאָטניק׳ס טאָכטער האָט געענדיגט אַ פינאַנץ־טעכניקום און זיין זון — אַ פּעדאַגאָגישן טעכניקום. שמואל גאָראַוואָי׳ס אַ זון לערנט זיך אין לענינגראַדער מיליטערישער מעדיצינישער אַקאַדעמיע. שערמאַנ׳ס זון איז אין מאָסקווע אַ פּאָליטישער קאָמיסאַר. לעוויטאַנ׳ס טאָכטער האָט געענדיגט דעם אידישן פּעדאַגאָגישן טעכניקום. יאַנקל קוועטניק׳ס שוואָגער, אַ געוועזענער שוסטער, ענדיגט לערנען אויף דאָקטאָר. שיינע ביסקינ׳ס טאָכטער לערנט זיך אין סמאָלענסקער אידישן פּעדאַגאָגישן טעכניקום. חיים ציננמאַנ׳ס זון איז אין דער רויטער אַרמיי אויפן ווייטן מזרח. אַ צווייטער זון ענדיגט לענינגראַדער אינסטיטוט אַלס יוריסט. מאיר גאָראָוואָי׳ס זון ענדיגט מינסקער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט.“

ברייט־צעעפנט זיינען די טירן פון אַ גליקלעך לעבן פאַר די זין און טעכטער פונם לאַנד פון די סאָוועטן.

## ווי אַזוי עס לעבט און אַרבעט דער קאָלווירטניק ראובן סורפּין

—די בייטש איז אָפּגעשטאָרבן! מען מוז זיך נעמען פאַר אַ רעאַלער, פעסטער און פּראָדוקטיווער אַרבעט, — האָט געזאָגט דער פּאַריטשער באַלעגאָלע ראובן סורפּין.

האָט ער אין יאָר 1927 אַוועקגעוואָרפן די פּאַריטשער „בירזשע“ און איז אַוועקגעפאָרן קיין קרים אויף אַרבעט.

9 יאָר איז ראובן סורפּין אינם קאָלווירט „סמידאָוויטש“, ראַטנדאָרפער דאָרף־ראַט (קרים).

ווי אַזוי אַרבעט און לעבט איצט דער געוועזענער אָרעמער באַלעגאָלע ראובן סורפּין?

ראובן איז דער עלטסטער קאָניוך אין קאָלווירט. ער אַרבעט שוין עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד — ערלעך, איבערגעגעבן. די פערד, וואָס געפינען זיך אונטער ראובנ׳ס אויפזיכט, זיינען שטענדיג אין דעם בעסטן צושטאַנד. זיי זיינען ריין, זאַט, אָפּגערוט און אַרבעטס־פייאיג. ראובן היט זיי ווי דאָס אויג אין קאָפּ...

פינף הונדערט טעג אַרבעט האָט שוין ראובן סורפּין.

איצט, ביים פאַרטיילן די גערעטעניש, האָט ראובן באַקומען פאַר זיך און פאַר זיין פאַמיליע גענוג ברויט און אויך פיל פיטער פאַר זיינע היימישע פי.

ווי לעבט ראובן?

ראובן פאַרמאָגט אַ שיין באַקוועם הויז פון 3 צימערן מיט אַ קיך. אויפן גרויסן הויף ביים הויז האָט ראובן פאַרפלאַנצט מיט 3 יאָר צוריק אַ סאָד פון 120 ביימער און אַ וויינגאָרטן פון 200 קוסטעס. ראובן האָט אויסגעכאָוועט 40 ביימער אַפריקאָסן פונם בעסטן סאָרט, 11 עפל?ביימער „ראָזמאַרין“, 6 ביימער „גדוילן“, אַ צענדליג קאַרשן־ביימער, פיל פלוימען־ביימער, פערסיקעס־ביימער און אַנדערע.

אויפן הויף שטייען 2 פי־שטאַלן. אין איין שטאַל זיינען פאַראַן: צוויי בהמות, צוויי אַנדערהאַלבן־יאָריגע קעלבער און צוויי יונגע קעלבלעך. און אין דער צווייטער — צוויי אַנדערהאַלבן יאָריגע חזירים־מוטערס און צוויי דריי־חדשימ׳דיגע חזירימלעך.

ניט ווייט געפינט זיך די עופות־שטייג. העכער הונדערט הינער, הענער, גענדז, קאַטשקעס, ענדיקעס זיינען אין שטייגן.

ראובן און זיין פאַמיליע זיינען גוט אויסגעקליידט. הייאָר האָט ער איינגעקויפט אַ וועלאָסיפּעד, אַ פּאַטעפאָן, אַ גוטן דיוואַן. צום אָקטאָבער־יום־טוב האָט ראובן איינגעקויפט פאַר זיינע קינדער נייע מאַנטעלעך און שיכלעך.

אין פרייע אָוונטן טראָגט אַרויס סורפּין דעם פּאַטעפאָן אין סאָד, עס קומען זיך צונויף די נאָענטסטע שכנים, זייערע קינדערלעך. מען שפּילט, מען טאַנצט. עס איז לעבעדיג און פריילעך!

— טויזנטער קאָלווירטניקעס פון אונזער סאָוועטן־פאַרבאַנד לעבן שוין אַזוי גוט און פאַרמעגלעך, ווי איך — זאָגט ראובן סורפּין.



אין דעם רויטן ווינקל אין דער געביידע פאַר איינוואַנדערער, אין בירא־בידזשאַן.

# אין דער איקאָר באַוועגונג

## ביראָ בידזשאַן „איקאָר״־צענטער דערעפנט אויף דער איסט־סייד

שבת, דעם 21טן נאָוועמבער איז אין דעם נייעם ביראָ־בידזשאַן "איקאָר"־צענטער, 11 קלינטאָן סטריט, ניו יאָרק, דורכגעפירט געוואָרן אַ פייערלעכע דערעפנונג. באַ שיין־געדעקטע טישן מיט אַ גוטן צוביים איז דורכגעפירט געוואָרן די אָפיציעלע דערעפנונג פון דעם ערשטן ביראָ־בידזשאַן „איקאָר״־צענטער אין האַרץ פון דער איסט סייד.

מיט פייערלעכע באַגריסונגען זיינען אַרויסגעטראָטן די פאָלגנדיגע חברים: א. אלקין, סעקרעטאַר פון ניו יאָרקער שטאָטישן „איקאָר״־קאָמיטעט; חבר'טע ראזן פון איסט ניו יאָרקער „איקאָר״; חבר'טע רובין פון בראָנסקער ״איקאָר״, און די חברים ל. שנור און ראובן גאָלדבערג פון ביראָ־בידזשאַן צענטער.

חבר'טע גינא מעדעם איז געווען די פעסטרעדנערין. זי האָט איבערגעגעבן אַ גרוס פון די אידן אין אַרגענטינע, מעקסיקא און האָט דערציילט פון זייער שווערן לעבן אין די דאָזיגע לענדער און האָט פאַרגליכן דאָס לעבן פון די אידן אונטער דעם קאַפּיטאַליזם און פאַשיזם מיט דעם לעבן פון די גליקלעכע אידן פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וועלכע בויען אַן אייגענע אידישע רעפּובליק אין ביראָ־בידזשאַן.

חבר'טע מעדעמ'ס גלענצנדער באַריכט איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס ענטוזיאַזם. חבר'טע מעדעם האָט זיך אָנגעשלאָסן אַלס מיטגליד פון דעם ערשטן ביראָ־בידזשאַן „איקאָר״־צענטער.

אויפן אַפּיל פון חבר ל. שנור איז געזאַמלט געוואָרן די סומע פון $37.33 פאַר אויסשטאַטן דעם צענטער. א. אָלקין האָט אין נאָמען פון שטאָטישן קאָמיטעט בייגעטראָגן די סומע פון $10 צו דער דאָזיגער קאָלעקשאָן. עס האָבן אויך בייגעטראָגן גרעסערע סומען די חברים פריידין און שלייפער צו $5.

ראוז נעימי איז אַרויסגעטראָטן אין אַ צאָל לידער און רעציטאַציעס, באַגלייט פון חבר פאל בערנשטיין אויף דער גיטאַרע. חבר סעם סעלנער איז געווען פאָרזיצער פון אָוונט.

דער פייערלעכער אָוונט איז געשלאָסן געוואָרן מיטן געזאַנג פון אינטערנאַציאָנאַל און מיטן באַוואוסטזיין אויפצובויען אַ ברייטע באַוועגונג פאַר ביראָ־בידזשאַן צווישן די האָרעפּאַשנע אידישע מאַסן אויף דער איסט סייד.

באַ אַ פריערדיגער זיצונג זיינען דערוויילט געוואָרן די פאָלגנדיגע באַאַמטע פון ביראָ־בידזשאַן „איקאָר״־צענטער: ל. שנור־אָרגאַניזער, ה. גרינבערג — פינאַנס־סעקרעטאַר, סאָפי בובריק — פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר, הערי קאַפּלאַן — קולטור־דירעקטאָר, ט. מארקוס — ליטעראַטור־אַגענט, רובן גאָלדבערג — טרעזשורער; הויז־קאָמיטעט — סאלאמאן, קאן, גאָלדבערג, קאַפּלאַן, טאמאשעווסקי און שנור. אין דער עקזעקוטיוו זיינען אַריין: חבר'טע שעווקאָוויץ, חבר טאמאשעווסקי און ר. ליף.

## איסט ניו יאָרקער „איקאָר״ דערוויילט נייע באַאַמטע

דער איסט ניו יאָרקער „איקאָר״ האָט דעם 19טן נאָוועמבער אינסטאַלירט באַ אַ גלאָז טיי און צוביים די נייע באַאַמטע פון דעם ברענטש: א. גודמאַן — אָרגאַניזער, י. באזור — פינאַנס סעקרעטאַר, א. גודמאַן — פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר, ס. שוואַרצבאָרט — פאָרזיצער, י. ראטשטיין — דירעקטאָר, ר. מאלצמאן — מיטגלידער און ליטעראַטור דירעקטאָר.

דער ברענטש האָט אויסגעאַרבעט אַ ברייטן פּלאַן פון קולטורעלער טעטיגקייט. האָט דורכגעפירט אַ פייערונג לכבוד 19 יאָר סאָוועטן־פאַרבאַנד מיט ז. וויינפער אַלס פעסט־רעדנער. וועלן דורכפירן אַ לעקציע מיט חבר'טע גינא מעדעם דעם 4טן דעצעמבער.

די מיטגלידער פון איסט ניו יאָרקער ברענטש זיינען זייער אַקטיוו אויפן געביט פון שאַפן נייע מיטגלידער אין „איקאָר״. מען קאָן דעריבער דערוואַרטן, אַז דער איסט ניו יאָרקער „איקאָר״ וועט ווערן איינער פון די אַקטיוווסטע ברענטשעס אין ברוקלין.

אנא גודמאַן, אָרגאַניזער.

## איקאָר אַרטיסטן מאַכן אַ רושם אין פּיטסבורג

די אַרטיסטן מאַקסים בראַדין און זעלדע זלאַטין זיינען אויפגעטראָטן פאַר דעם איקאָר אין פּיטסבורג און איסט פּיטסבורג, און אין ביידע פּלעצער האָבן זיי זייער שטאַרק אויסגענומען. מאַקסים בראָדין מיט זיין זיסע טענאָר שטימע האָט אַרויסגערופן גרויס בייפאַל פון גאַנצן עולם. זיינע לידער „מינע נומער 3״ און „דער חסיד'ל הויבט אָן ווערן אַן אַפּיקורס״, האָט געשטעלט אַלעמען אויף די פיס. זעלדע זלאַטין מיט איר דעקלאַמירן משה נאַדיר'ס „הונגער מאַרש״, האָט זייער אויסגענומען און אירע מעשה'לעך פון אידישן לעבן האָט דער עולם אויך וואַרים אויפגענומען. די אַרטיסטן וועלן אויף זייער טור צוריק מעגלעך ווידער זיין אין פּיטסבורג און נאָך אַ קאָנצערט אויף אַ גאָר גרויסן פאַרנעם וועט ווידער אַראַנזשירט ווערן. מיר ווילן געבן אַנערקענונג צו אונזערע חברים פון איסט פּיטסבורג די חברים דזשאַפּע, שלעזינגער, ראָזענפעלד, מרס. דזשאַפּע און מרס. מאַטליס, וואָס האָבן ענערגיש געאַרבעט און געמאַכט דעם קאָנצערט פאַר אַ דערפאָלג. כמעט די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג פון איסט־פּיטסבורג איז געקומען צום קאָנצערט. איסט פּיטסבורג האָט אַרום 100 פאַמיליעס און ביים קאָנצערט זיינען געווען אַרום 200 מענטשן. אין פּיטסבורג איז אויך געווען אַ גרויסער עולם און ווען מען וואָלט געקענט קריגן אַ האָל פאַר אַבאַנדער אָוונט, איז זיכער, אַז נאָך אַזויפיל מענטשן וואָלטן באַזוכט דעם קאָנצערט. אין איסט פּיטסבורג איז פאַרקויפט געוואָרן 50 „ניילעבנס״ און עטלעכע נייע מיטגלידער האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין „איקאָר״.


### פאָלקס־באַנקעט

פאַר

### חבר אב. עפּשטיין

לכבוד זיין 60־יאָריגן יובילײ

און 40־יאָריגער טעטיקייט

אין דער אַרבעטער־באַוועגונג

### שבת, דעם 26טן דעצעמבער

8 אַזייגער אין אָוונט

### אין האָטעל וואודסטאַק

127 וועסט 43טע גאַס, ניו יאָרק

$1.25 אַ פּערזאָן


## אב עפּשטיינס 60 יאָריגער יובילײ געפייערט אין פּיטסבורג

חבר אב. עפּשטיין, נאַצ. אָרגאַניזער פון „איקאָר״, איז געקומען קיין פּיטסבורג מיט די אַרטיסטן בראָדין און זלאַטין. ער האָט אַדרעסירט די קאָנצערטן אין איסט פּיטסבורג און פּיטסבורג. אַזוי ווי חבר עפּשטיין איז די טעג געוואָרן 60 יאָר יונג, איז לכבוד אים אַראַנזשירט געוואָרן אַ צוזאַמענקונפט דינסטאָג אָוונט, אין צענטער, 123 ס. הײלאַנד ביי שיין געדעקטע טישן זיינען געזעסן אַרום 80 חברים און חבר'טעס, טוער פון אונזער באַוועגונג. חבר'טע זעטמאַן איז געווען פאָרזיצערין. עס האָבן באַגריסט חבר לעבאָוויצקי פון די שולן, חבר שטראוס פון דער אידישער ביוראָ, חבר דזשענקינס פון שטאָט קאָמיטעט איקאָר, חבר'טע ליף פון באַרג איקאָר, חבר סאלניצקי פון שטאָט קאָמיטעט פון אָרדן, חבר'טע האָראָוויץ פון אָקלאַנד איקאָר. די אַרטיסטן בראָדין און זלאַטין זיינען אויפגעטראָטן אין געזאַנג און דעקלאַמאַציעס. חבר עפּשטיין האָט געהאַלטן אַ לענגערע רעדע אין וועלכע ער האָט געזאָגט, אַז ערשט איצט הויבט ער אָן צו אַרבעטן נאָך מער ווי פריער, ווייל מיר זעען ווי פילע פון אונזערע אידעען ווערן פאַרווירקלעכט. ער האָט גערופן אַלעמען צו אַרבעטן ענערגישער פאַרן איקאָר און פאַר אונזער גאַנצער באַוועגונג. אַ קאָמיטע פון די חבר'טעס מאטליס און קיסין האָבן פּרעזענטירט חבר עפּשטיינען מיט אַ מתנה. דער גאַנצער עולם האָט זיך געזעגנט מיט חבר עפּשטיין און אים געוואונטשן לאַנגע יאָרן פון טעטיגקייט.

# ראובן ברײנין איקאָר־ברענטש אין דזשאַמעיקאַ, נ. י.

אונזער ברענטש האָט באַשלאָסן אַרויסצוגיין אויף דער מאַפּע פון טעטיגקייט גלייך מיט אַלע איקאָר־ברענטשעס. דאָס מיינט ניט, אַז ביז איצטער, האָבן מיר גאָרנישט געטאָן. דער חסרון איז, וואָס מיר האָבן וועגן אונזער טעטיגקייט ניט געלאָזט הערן. מיר וועלן עס פון איצט אָן אויסבעסערן.

אָפּגעטאָנענע אַרבעט אין דער לעצטער צייט: מיר האָבן אָנגעהויבן אַ קאַמפּאַניע פאַר די שפּאַנישע פאָלקס־קעמפער, נאָך איידער מיר האָבן באַקומען דעם צושריפט פון שטאָט־קאָמיטעט. צוליב דעם האָבן מיר געהאַט אַ פּאָר איינלייטונגען און דיסקוסיעס וועגן דער שפּאַנישער סיטואַציע. מיר האָבן ביז איצט געזאַמלט קנאַפּע 50 דאָלאַר. אין דער געלט־זאַמלונג האָט זיך אויסגעצייכנט דער קאַסיר פאַר דער זאַמלונג ח׳ ראָזונער, וועלכער איז אַרויסגעפאָרן מיט ח׳טע פּאָזנער צו באַזוכן אַ טייל פון אונזערע מיטגלידער. ספּעציעל האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַן אמת׳ע שלאָגלערין אונזער ח־טע גיטל פּאַסיקאָוו.

זונטאָג, דעם 1־טן נאָוועמבער האָבן מיר אָנגעהויבן אונזער סעזאָן פאַרן ווינטער און פאַר דער מיטגלידער־קאַמפּאַניע. אַ שיינעם קאָנצערט האָבן דורכגעפירט די חברים פון דעם מידל־ווילעדזש פרייהייט געזאַנגס־פאַראיין און אַנדערע קרעפטן האָבן זיך באַטייליגט. ח׳ אָלקין איז געווען דער פעסט־רעדנער. באַ דער געלעגנהייט האָבן מיר אַריינגענומען פיר נייע מיטגליד.

דאָס איז געווען דער אָנהייב פון אונזער מיטגלידער־קאַמפּאַניע.

מיר האָבן אויף אונזער לעצטן מיטינג דערוויילט פאָלגנדיגע באַאַמטע: מ. פּאָזנער, רעקאָרדינג־סעקרעטאַר און ליטעראַטור־דירעקטאָר; קאַראָ, טרעזשורער; גאָרעליק, אָרגאַניזער; מ. האַמלשטאַק, קאָרעספּאָנדענט־סעקרעטאַר. אַלס עקזעקוטיוו־מיטגלידער, פאָלגנדיגע: ראָזונער, צאַנין, אוווערבאַך. קולטור־דירעקטאָר — שאַפּיראָ; פאַרטרעטער צום שטאָט־קאָמיטעט: חבר׳טע האַלמשטאַק און בוירגמאַן.

מ. האַמלשטאַק, קאָרעספּ. סעקר.

---

# בראָנזווילער איקאָר נעמט זיך צו דער אַרבעט

דער בראָנזווילער „איקאָר" האָט דעם ווינטער זיך פאַרנומען טאָן אַרבעט אויף אַ ברייטן מאַסשטאַב, סיי אויפן קולטורעלן, סיי אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט.

אַ דאַנק די גוטע צוגרייטונגען און דער ערנסטער קאָאָפּעראַציע פון אונזערע מיטגלידער, איז אונזער אַרבעט ביז איצט געקרוינט געוואָרן מיט דערפאָלג.

מיר האָבן דורכגעפירט אַ גרויסן מאַסן־מיטינג פאַר שפּאַניע דעם 9טן אָקט., ביי וועלכן ס׳איז געזאַמלט געוואָרן 75 דאָלאַר פאַרן פאָלקס־פראָנט; אַן אימפּאָזאַנטע פייערונג פון 19 יאָר רעוואָלוציע, דעם 13טן נאָוועמבער, ביי וועלכער מיר האָבן געהאַט אַזעלכע רעדנער ווי: גינא מעדעם, אַ. אָלקין, י. גאָלדשטיין און נ. הייקען, און אַ רייכן קאָנצערט.

אין איינקלאַנג מיט אונזער באַשלוס צו האָבן יעדע צווייטע וואָך אַ קולטורעלן אָוונט, האָבן מיר דורכגעפירט לעקציעס מיט: נ. הייקין, סאָניא עיראָף און אַ סימפּאָזיום מיט דר. גרינפעלד, א. אָלקין און יעקב מילך.

אין צוגרייטונג איז אַ וועטשערינקע דעם 28טן נאָוועמבער; אַ לעקציע מיט דר. שאַצאָוו דעם 2טן דעצעמבער. די עקזעקוטיווע אַרבעט אויף פּלענער פון אַ גרויסער בירא־בידזשאַן פייערונג אין דעצעמבער.

מ׳קען אָן שום גוזמא זאָגן, אַז היינט צו טאָג איז דער בראָנזווילער „איקאָר" די איינציגע אָרגאַניזאַציע אין בראָנזוויל, וואָס ברענגט צו די ברייטע אידישע מאַסן דאָס וואָרט פונם נייעם לעבן אין בירא־בידזשאַן; די דערגרייכונגען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און די אַלגעמיינע אידישע לאַגע איבער גאָר דער וועלט.

בראָנזווילער „איקאָר"

ח. ס אַ פּ ר אַ ן, סעקר.

---

# פּאָקיפּסי איקאָר

דעם ערשטן נאָוועמבער האָבן מיר דורכגעפירט דעם קאָנצערט אין דזשואיש סענטער מיט די אַרטיסטן מאַקסים באָרדין און זעלדע זלאַטין. דער זאַל איז געווען געפּאַקט מיט אַרום 250 געסט. דער עולם איז געווען זייער צופרידן.

דער פאָרזיצער פון דעם אָוונט איז געווען חבר י. דיימאַנד. חבר אב. עפּשטיין האָט געהאַלטן זייער אַ גוטע רעדע. אויך איז פאַרקויפט געוואָרן אין זאַל 50 עקזעמפּלאַרן „ניילעבן", צו פאַרדאַנקען די חבר׳טעס: ב. דיימאַנד, ס. ליאָבין, ר. פּעננער, וואָס האָבן זייער גוט געאַרבעט אין זאַל. ווען מיר וואָלטן געהאַט נאָך „ניילעבנ׳ס", וואָלטן מיר זיי זיכער פאַרקויפט. מיר דאַנקען אַלע, וואָס האָבן זיך באַטייליגט אין דער אַרבעט. דאָס איז ערשט אַן אָנפאַנג, מיר וועלן נאָך טאָן פיל מער אַרבעט פאַר אונזער קוואָטע.

סאָול שוירמאַן, סעקרעטאַר.

---

# ניו יאָרק איקאָר טרעט־צו צו אַ ברייטער טעטיגקייט

די לעצטע פּאָר מיטינגען פון ניו יאָרקער שטאָטישן איקאָר קאָמיטעט זיינען געווען זייער גוט באַזוכט און באמת אינטערעסאַנט. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער ווייטערדיגער טעטיגקייט, וועגן געפינען די בעסטע וועגן און מיטלען ווי אַזוי אויסצוברייטערן די אָרגאַניזאַציע און אַריינדרינגען צווישן די ברייטע שיכטן פון די אידישע מאַסן. צוויי גאַנצע אָוונטן איז אָפּגעגעבן געוואָרן אָט דעם ענין און נאָך אַ ברייטער אַלזייטיגער דיסקוסיע זיינען אָנגענומען געוואָרן די פאָלגנדיגע באַשלוסן.

1) באַשטעטיגן די קוואָטע פון 2,000 מיטגלידער, וואָס איז פאַר אונז באַשטימט געוואָרן פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו קאָמיטע אין דער מיטגלידער קאַמפּאַניע, אין דער קאַמפּאַניע פאַר „ניילעבן" און אין דער קאַמפּאַניע פאַר דעם ספּעציעלן אָרגאַניזאַציע און אַדמיניסטראַציע פאָנד.

2) אָנשליסן אין דעם איקאָר הונדערט אָרגאַניזאַציעס ביז דעם 28טן מערץ 1937.

3) פאַרשטאַרקן און אויסברייטערן דעם איינצלנעם פאַרקויף פון „ניילעבן" און ביז דעם ערשטן יאַנואַר זאָל דער פאַרקויף דערגרייכן צוויי טויזנט עקזעמפּלאַרן יעדן חודש.

4) איינאָרדנען איינציגע געגנט פייערונגען לכבוד דעם 19טן יובילעי פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, יעדע פייערונג זאָל דורכגעפירט ווערן אויף אַ גאַנץ גרויסן שטייגער ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ גרויסער היסטאָרישער געלעגנהייט.

5) פאַרשטאַרקן די עקזיסטירנדיגע ברענטשעס. פאַר דעם צוועק איז באַשטימט געוואָרן אַ מיטגליד פון שטאָטישן קאָמיטעט פאַר יעדן ברענטש, וואָס זאָל געבן פירערשאַפט דעם ברענטש און טרייבן די אַרבעט פאָראויס.

6) גרינדן נייע ברענטשעס. אין דער ערשטער ריי זאָלן אַריינקומען די פאָלגנדיגע געגנטן: שיפּסהעד בעי, סי־גייט, לאָוער בראָנקס, מאָונט ווערנאָן און קאָנאַרסי.

7) גרינדן פאַך ברענטשעס. אין דער ערשטער ריי זאָלן אַריינקומען די פאָלגנדיגע פאַכן. פאָרער, קלאָוק און דרעס מאַכער, בעקער אַרבעטער און דרוקער פאַך.

8) דערוויילט אַ ספּעציעלע קאָמיטע וואָס זאָל אָנפירן מיט דער נויטיגער אַרבעט צווישן די ענגליש רעדנדיגע. אין דער קאָמיטע זיינען דערוויילט געוואָרן די פאָלגנדיגע חברים: דר. א. י. פישער, דר. ל. שאַצאָוו און דר. אברהם אייזענשטיין.

9) מאָביליזירן אַ גרופּע אַקטיווע איקאָר טוער פאַר דער נויטיגער אַרבעט צווישן די לאַנדסמאַנשאַפטן.

10) איינאָרדנען אַ קלאַס פאַר איקאָר טוער וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין אַלע אירע פאַזן.

11) איינאָרדנען אַ ספּעציעלן קלאַס פאַר רעדנער און טוער.

12) אַלע ברענטשעס זאָלן מיטן יעדע צוויי וואָכן. די טעג פון מיטינגען זאָלן זיין מיטוואָך און דאָנערשטאָג.

13) פון צייט צו צייט רופן מיטינגען פון די איקאָר מיטגלידער, וואָס זיינען אויך מיטגלידער אין אַנדערע מאַסן אָרגאַניזאַציעס און אַזוי אַרום שאַפן פאַרבינדונגען מיט דידאָזיגע מאַסן אָרגאַניזאַציעס.

14) אין יעדן ברענטש זאָל דערוויילט ווערן אַ לאַנדסמאַנשאַפט דירעקטאָר, וואָס זאָל זאָרגן פאַר דער אַרבעט צווישן לאַנדסמאַנשאַפטן, ווי באַזאָרגן זיי מיט ליטעראַטור, לעקציעס א. א. וו.

15) אין יעדן ברענטש זאָל דערוויילט ווערן אַ „ניילעבן" דירעקטאָר, וואָס זאָל זאָרגן פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון „ניילעבן".

16) דורכפירן אַ ספּעציעלע קאַמפּאַניע פאַר מיטפילנדיגע מיטגלידער.

17) איינפירן אַ מאַסן פאָלקס קאָנפערענץ אויף זונטאָג ביי טאָג, דעם 6טן דעצעמבער. באַ דער דאָזיגער קאָנפערענץ וועט אָפּגעגעבן ווערן אַ באַריכט פון לעצטן יאָר טעטיגקייט און עס וועלן געבראַכט ווערן די אַלע נייע פּלענער פאַר דער ווייטערדיגער אַרבעט.

18) איינאָרדנען אַ מאַסמיטינג אויף אַ גאָר גרויסן מאָסשטאַב, אויף זונטאַג ביי טאָג דעם 6טן דעצעמבער, מיט לאָרד מאַרלי אַלס רעדנער. ביי דער געלעגנהייט וועט געפייערט ווערן דער צוויי־

טער יובילוי פון דער אידישער רעגירונג אין דער אידישער אויטאָנאָמיע.

19) דורכפירן דעם צענטן יובילוי איקאָר באַזאַר אין די פאָלגנדיגע טעג: פרייטאָג, שבת און זונטאָג, דעם 22טן, 23טן און 24טן יאַנואַר 1937.

20) פאָלקס באַנקעט לכבוד דעם 9טן יובילוי פון ביראָ־בידזשאַן זאָל פאָרקומען דעם 28טן מערץ.

21) דער טראַדיציאָנעלער פרילינג איקאָר קאָנצערט זאָל געהאַלטן ווער [דעם 16טן מאַי אין אַ גאַנץ גרויסן זאַל מיט אַן אויסערגעווייגלעכער רייכער פּראָגראַם.

ווי איר זעט האָבן מיר פאַר זיך אָנגעצייכנט אַ גאַנץ ברייטע פּראָגראַם פון אַרבעט, וואָס פאָדערט אַ גאַנץ גרויסן און שטאַרקן אַקטיוו. איך בין אָבער מער ווי זיכער, אַז די גאַנצע פּראָג־אַם פון אַרבעט וועט דורכגעפירט ווערן אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט. די ערנסטע דיסקוסיע וואָס איז געפירט געוואָרן אַרום אָט־די אַלע פּלענער. דער צוזאָג פון יעדן איינציגן מיטגליד פון שטאָטישן קאָמיטעט צו העלפן פאַרווירקלעכן די פּלענער, זיינען די בעסטע גאַראַנטיע.

בן אלחנן, איקאָר־קאָר.

**J. PENTEL**

64 W. 108th Street New York City

# פאַרשפּעטיגטע באַגריסונגען

## אמאהא, נעב.

לויב וואולפסאָן
א. פארמאן
דזשאָזעף עלקין
א. גינזבערג
בען לעווין
פיליפ גינזבערג
רוט גינזבערג
בעלא קליין
אברהם קליין
וו. דזשאמיש

## מידל ווילעדזש בר. 46,
## א. אַ. אָ.

## סיאטל, וואַש., איקאָר

מ. נעש, סעקרעטאר

## מילוואָקי, וויסק., איקאָר

י. רויטבלאַט, סעקר.

## פּעטערסאָן, נ. דזש.
## איקאָר

מ. סעוועדזש, סעקר.

## ברוך הרש

חיפה, פּאַלעסטינע.

## אײדא ראָזנפעלד

שיקאַגאָ

## דענווער, קאָל.

מרס. פּ. פיין
מר. מ. פריי
אייב לאכמאַן
וו. יונגער
פיליפּ פערלמוטער

## מילוואָקי, וויס.

ס. גארפילד
פּ. פיטשאפסקי
ענא ראָזנטאַל
עלא קאזאן
מ. בוצין
ר. קיינס
א. ברודא
מעקס לעווין
ליא הורוויץ
י. פאסטאוו
י. רויטבלאט
ס. זוקמאן
י. איצקאָוויטש
ל. ליטווין
י. אוערבאך
מ. ווייסמאַן
א. סעליגסאן

מ. מילער
ב. פּאפּערנא
ב. לובצקי
י. סמאלין
ג. יאפע

## נואַרק, נ. דזש.

י. זעלד
ה. סעמפער
א. שילפשטיין
מ. בריינין
ט. לובמאן
ב. שויכעט
מ. ריטשמאן
י. איידלסאָן
ר. קאהן
ס. מעסקא

## סיעטל, וואַש.

י. גוסלאנאָוו
י. גאָלד
א. האָרוויץ
פּ. קלאנסקי
א. ב. שייליט
ה. הענטשין
מ. נעש
י. קלויזנער
הערי נעלסאָן

## באַטיילינט זיך אין דער אַרבעט פון

# 10טן „איקאָר" יובילוי - באַזאַר

אין ניו יאָרק, וואָס וועט געהאַלטן ווערן

## פרייטאָג, שבת און זונטאָג, דעם 22, 23, 24 יאַנואַר, 1937

## אין אירווינג פּלאַזאַ

אירווינג פּליים און 15טע גאַס, ניו יאָרק

גרויסער אויסוואַל פון פאַרשיידענע סחורות פאַר דער גאַנצער פאַמיליע, פאַר די ביליגסטע פרייזן.

רייכע קאָנצערט פּראָגראַמען יעדן אָוונט.

„דאָובל ברעס" אָרקעסטער פאַר טאַנצן יעדן אָוונט

רייכער בופעט און רעסטאָראַן אָפן 24 שעה א טאָג.

## שיקט צו סחורה אַלס אַ מתנה פאַרן באַזאַר

שיקט צו אייער באַגריסונג פאַרן צענטן „איקאָר" יובילוי באַזאַר זשורנאַל.

שיקט אויף דעם אַדרעס: „איקאָר", 799 בראָדוויי, ניו יאָרק, טעלעפאָן סטייוועסאנט 9־2787, 9־0867

## וואַשינגטאָנער איקאָריסטקעס אין קאַמף געגן פאַשיזם

דעם 21טן סעפּטעמבער איז געהאַלטן געוואָרן אַן אוקשען־סעיל פון מיידזשאר פראנקא, אַ ברו־דער פון אָנפירער פון די שפּאַנישע פאַשיסטן. מיט דעם אָקשען־איינקונפט האָט זיך מיידזשאר ראמאן פראנקא געזאָלט אומקערן צוריק אין שפּאַ־ניען און העלפן זיין ברודער צעברעכן די דע־מאָקראַטישע רעגירונג. די פריינט פון שפּאַניע האָבן גלייך באַשלאָסן מען זאָל פּיקעטן דעם סעיל.

צוויי חבר'טעס פון דעם גינא מעדעם איקאָר ברענטש, סיליע רוביטסקי און מיני וויינשטיין און אַ חבר'טע פון דער א. על. די., מילדרעד איגען זיינען אַוועק פּיקעטן. זיי זיינען אַרעס־טירט געוואָרן. ס'האָט אַרויסגערופן זייער אַ סך פּובליסיטי, אַלע צייטונגען זיינען געווען פול מיט דער נייעס. יעדערער פון זיי איז אַרויס־געלאָזן געוואָרן אונטער בעיל.

דער טריעל איז פאָרגעקומען דעם 29טן סעפּטעמבער ביי אַ געפּאַקטן קאורט. דער יונגער לאָיער וועסטוואוד האָט צעשמעטערט און צו גאָר־נישט געמאַכט די גאַנצע קלאַגע, און די קעיס איז געוואָרן דיסמיסד. אָט די אַקציע פון אונזערע מוטיגע חבר'טעס דאַרף באַגריסט ווערן, און מיר, פון וואַשינגטאָנער פרויען „איקאָר"־ברענטש, זיינען שטאָלץ מיט אייך, סיליע רוביטסקי און מיני וויינשטיין. לאָמיר אַלע נאָכטאָן דעם ביישפּיל.

מערי גינזבערג,
סעק. פון גינאַ מעדעם איקאָר,
וואַשינגטן, ד. ס.

---

## אַ פילאַדעלפיער „איקאָר"־שלאָגלער קעמפט געגן פאַ־שיזם אין שפּאַניע

חבר יוסף לענסער, וועלכער האָט לעצטנס באַזוכט דעם סאָוועטן פאַרבאַנד און ביראָ־בידזשאַן, האָט אויף זיין צוריקקער אין לאָנדאָן באַשלאָסן, אַז אויב מען וויל דער־לאַנגען אַ טויט־קלאַפּ דער פאַשיסטישער בעסטיע, דאַרף מען פאַר דעם קעמפן מיט אַלע כוחות. חבר לענסער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער פאָלקס־מיליץ, וואָס קעמפט אַזוי העל־דיש געגן דעם פאַשיזם אין שפּאַניע. די לעצטע ידיעה איז געקומען פון חבר לענסער פון באַרצעלאָנא, שפּאַניע, פון וואַנענט ער איז אָפּגעפאָרן אויפן שלאַכט־פעלד.

---

## איסטערן פּאַרקוויי „איקאָר" פירט דורך מאַסן־מיטינג פאַר שפּאַניע

דאָנערשטאָג, דעם 5טן נאָוועמבער, האָט דער איסטערן פּאַרקוויי „איקאָר" דורכגעפירט אַ מאַסן־מיטינג אין טעמפּל אודיטאָריום וועגן דער איצטיגער לאַגע אין שפּאַניע. מיט וויכטיגע רע־דעס זיינען אַרויסגעטראָטן די פאָלגנדע געזעל־שאַפטלעכע טוער: רבי יעקב גרינפעלד, רב פון דער עטרת ישראל קאָנגרעגיישאָן; ז. וויינפּער, לואיס היימאַן, דר. א. י. פישער, און א. אָלקין, סעקרע־טאַר פון ניו יאָרקער שטאָטישן „איקאָר"־קאָמי־טעט. דר. ב. ס. סייקין איז געווען פאָרזיצער פון אָוונט.

אויפן אַפּיל פון חבר ז. וויינפּער איז געשאַפן געוואָרן פאַר די בראַווע קעמפער געגן פאַשיזם אין שפּאַניע די סומע פון $58.47, וואָס וועט פאַרנוצט ווערן איינצוקויפן וואַרימע קליידער, עסנוואַרג און מעדיקאַמענטן פאַר די שפּאַנישע פאָלקס־פראָנט העלדן. עס זיינען אָנגענומען גע־וואָרן רעזאָלוציעס באַגריסנדיג דעם העלדישן קאַמף פון די שפּאַנישע אַנטי־פאַשיסטן און פראָ־טעסט־רעזאָלוציעס געגן דער אַריינמישונג פון היטלער און מוסאָליני'ן, וועלכע העלפן די פאַ־שיסטישע מערדער פון שפּאַנישן פאָלק.

דער איסטערן פּאַרקוויי "איקאָר" האָט גע־קראָגן דאַנק־בריוו פאַר די רעזאָלוציעס פון די פאָרשטייער פון דער מאדרידער רעגירונג אין וואַשינגטאָן און ניו יאָרק. אונזער ברענטש אַנט־וויקלט אַ ברייטע קאמפּאַניע צו שאַפן נייע מיט־גלידער אין איקאָר און סובסקרייבער פון „ניילעבן". עס ווערט אויך געפירט אַ ברייטע אויפקלער קאמפּאניע צווישן די אידישע מאַסן אין איסטערן פּאַרקוויי געגנט.

ס. ראָזן, סעקרעטאַר.

---

## חבר יעקב מילך'ס 70־יאָריגער יובילייַ

דער אידיש־קולטור צווייג פון „איקאָר, פון וועלכן חבר יעקב מילך איז אַ חשוב'ער מיטגליד, האָט באַשלאָסן צו פייערן זיין 70 יאָריגן יובילייַ.

דער פּלאַן צו פייערן דעם יובילייַ מיט אַ גרויסער אונטערנעמונג, ווי אַזאַ אָנגעזעענער פּערזאָן, ווי מילך, האָט פאַרדינט, האָט געמוזט געענדערט ווערן, און אַנשטאָט אַ גרויסער אונ־טערנעמונג וועט זיין אַן אינטימער צוזאַמענ־קונפט, ווייל חבר מילך און זיין כאַראַקטעריס־טישער באַשיידנקייט, האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּ־געזאָגט אַנטייל צונעמען אין אַ גרויסער שרייענ־דיגער אונטערנעמונג.

---

## דער אידישער וואָקאַלער קוואַר־טעט פאָרט קיין ביראָ בידזשאַן

עס איז אַרויסגעפאָרן אויף גאַסטראָלן אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט דער מאָסקווער מלוכה'שער אידישער וואָקאלער קוואַרטעט.

דער קוואַרטעט וועט דאָרט אַרויסטרעטן אין

---

## באַגריסונג צו חבר עפּשטיינס 60־יאָריגן יובילייַ

מיין ליבער חבר עפּשטיין, מיין הערצלעכן, חבר'שן סאלוט צו אייער 60 יאָריגן גע־בורטסטאג. איך ווינש אייך 3 זאַכן: געזונט און שטאַרק און נאָך קאָנען אַ סך, אַ סך טאָן פאַר אונזער אידעאַל.

מיט גרוס, אייער אַלטער חבר,
נייטאַן אַלטערמאַן

---


## שאַפט זיך איין ז. וויינפּער'ס ווערק אויף רעדוצירטע פּרייזן

געקליבענע לידער, 320 זייטן — 1.25 ד.
אונטערוועגנס, 160 זייטן — — .75 ס.
צוויי בענדער „אידישע
שריפטשטעלער" — — — — 1.50 ד.
ביראָבידזשאַן, זאַמלונג לידער — .25 ס.

ווענדט זיך:
Der Oifkum, 673 Broadway, N. Y. C.



# ביראָ־בידזשאַן אויפן לייוונט

די גרעסטע אַרטיסטן פון סאָוועטן פאַרבאַנד באַטייליגן זיך אין דער מואווי.
קומט זען די פּראַכטפולע „טאָקי" — „ביראָ בידזשאַן".
קומט זען ווי די אידישע פּיאָנערן בויען זייער אייגן לאַנד אין ביראָ בידזשאַן.

**בייטאָג בלויז 25 סענט (אויסער שבת און זונטאג), אין אָוונט 35 סענט**

די לעצטע געלעגנהייט צו זען די באַרימטע מואווי „ביראָ בידזשאַן אין ניו יאָרק.

**רוזוועלט טעאַטער, 2טע עוועניו און האוסטאָן סט.**

טעל. אָרטשארד 4־7499.

די טעג פונם ראַטנצוזאַמענפאָר און אויך באַ די אָקטאָבער־פייערונגען. זיין נסיעה איבער דער געגנט וועט דויערן צוויי חדשים.

צוזאַמען מיטן קוואַרטעט פאָרט דער פּיאַניסט פון דער מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע **איסאַק ראַבינאָוויטש.**

איבם רעפּערטואַר פונם קוואַרטעט איז דאָ אַ רײ נײע סאָוועטישע לידער און פאָלקס־לידער אויף אידיש, רוסיש, אוקראַיניש, ווייסרוסיש און קאָרעאיש.

דער קוואַרטעט וועט אויך אַרויסטרעטן אין די מיליטער־טײלן פון דער רויטפאָניגער ווייט־מזרח׳דיגער אַרמײ.

דעם קוואַרטעט האָט קאָמאַנדירט אין דער אי־דישער אויטאָנאָמער געגנט דער צענטראַלער געזערד, דער מאָסקווער געזערד און די מאָסקווער פילאַרמאָניע.

---

## נײער גרויסער ראָמאַן פון ברוך גלאַזמאַן דערשיינט אינגיכן

עס איז אַרײן אין דרוק און אינגיכן דערשיינט אַ נײער גרויסער ראָמאַן פון דעם באַוואוסטן אידישן שרייבער ברוך גלאַזמאַן, מיטן נאָמען: „לענדער און לעבנס“, אין צוויי בענד און פיר טײלן.

אינם ראָמאַן „לענדער און לעבנס“, ווי מען גיט אונז איבער, דערציילט זיך וועגן אַן אַרבע־טער־משפחה, וועלכע איז דורך דער וועלט־מלחמה פאַנאַנדערגעריסן געוואָרן — דער פאָטער אין אַמעריקע, די איבעריגע אין רוסלאַנד. יעדער פון זײ דיינקט, אַז דער צווייטער איז געשטאָרבן. ערשט נאָך דער רעוואָלוציע טרעפן זײ זיך אומ־געריכטערהייט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אָבער קאָ־נען זיך שוין מער ניט צוזאַמענריידן.

דער ראָמאַן נעמט אַרום אַ צייט־אָפּשניט פון אַ צוויי צענדליג יאָר, און קומט־פאָר אין בײדע לענדער, אַמעריקע און רוסלאַנד, בעת דער וועלט־מלחמה און די רעוואָלוציעס. די האַנדלונג אין די לעצטע צוויי טײלן פונם ראָמאַן קומט פאָר אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

בײדע בענד פונם ראָמאַן וועלן פאַרנעמען מער ווי 600 זײטן. פּרייז נאָכן דערשיינען — דריי דאָלאַר פאַרן גאַנצן ראָמאַן. אָבער די, וואָס אַבאָ־נירן זיך איצט, באַצאָלן פאַר בײדע ביכער בלויז $1.50.

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן אויף פאָלגנ־דיגן אַדרעס:

**SOL MINOWITZ**
**480 Canal Street New York City**

## טרויער רעזאָלוציע

מיר, די מיטגלידער פון איקאָר ברענטש און פון דעם דראַמאַטישן קלוב פון ריטשמאָנד, דריקן אויס אונזער טרויער אויפן פריצייטיגן טויט פון אונזער חבר הײמאַן אַלטערמאַן, וועלכער איז פּלוצלינג אַרויסגעריסן געוואָרן פון אונזערע רייען.

מיר האָפן אַז זיין פרוי מאַניא וועט געפינען אַ טרייסט אין דער אַרבעט, וואָס איז דעם פאַר־שטאָרבענעם געווען אַזוי טײער.

מ. לעזנער, סעק.

## טרויער רעזאָלוציע

דער לאָס־אַנדזשעלעסער שטאָט קאָמיטעט פון איקאָר אין זיין גאַנצן באַשטאַנד דריקט אויס אין נאָמען פון אַלע איקאָר צווייגן אין ל. א. און דרום קאַליפאָרניע די טיפסטע סימפּאַטיע און וואַרימסטן מיטגעפיל צו חבר ש. אַלמאַזאָוו און זיין טאָכטער אויף דעם פריצייטיקן פאַר־לוסט פון פרוי און מוטער. חבר׳טע טאַניאַ אַלמאַזאָוו־פּערל.

אונזער טרייסט־וואָרט באַשטייט ניט אין באַווייגען די פריצייטיק פאַרשטאָרבענע, נאָר אין דערמוטיקונג צו ווייטערדיגער עקשנות׳־דיגער אַרבעט און צום אומדערמידלעכן ווייטער־דיגן קאַמף פאַר אַ בעסערער וועלט און פאַר אַן אויפריכטיגן באמת־מענטשלעכן לעבן, וואו פאַר־מיידלעכע ליידן און פריצייטיגער טויט זאָלן קיין שליטה מער ניט האָבן.

טייערער חבר, ש. אַלמאַזאָוו! מיר גלויבן אין אייער מוט און שאַצן הויך אייער גוטע אַרבעט, און אין דעם וועט איר און אייער טאָכטער אייער טרייסט געפינען.

איקאָר שטאָט־קאָמיטעט פון לאָס־אַנדזשעלעס און דרום קאַליפאָרניע.

**אב. וויקטאָר**, פאָרזיצער.
**א. קערטמאַן**, עקזעק. סעקרעטאַר.

## טרויער רעזאָלוציע

מיר, די מיטגלידער פון סיאַטעל איקאָר, דריקן אויס אונזער סימפּאַטיע און מיטגעפיל צו די חבר׳טעס אַבראַמאָוויטש און פ. הערמאַן אויף דעם פאַרלוסט פון זייער איבערגעגעבענער מוטער. מיר האָפן אַז זײ וועלן געפינען אַ טרייסט, אַרבעטנדיג פאַרן איקאָר.

**מ. נעש**, צייטווייליגער סעקרעטאַר.

## טרויער רעזאָלוציע

מיר, די מיטגלידער פון סיאַטעל איקאָר, דריקן אויס אונזער טיפסטע סימפּאַטיע און מיטגעפיל צו אונזער גענעראַל סעקרעטאַר, חבר ש. אַלמאַזאָוו, אויף דעם פריצייטיגן טויט פון זיין פרוי און חבר׳טע טאַניאַ אַלמאַזאָוו.

מיר האָפן, אַז חבר אַלמאַזאָוו און זיין טאָכ־טער וועלן געפינען אַ טרייסט אין אונזער באַוועגונג, אַרבעטנדיג פאַר בירא־בידזשאַן, וואָס איז דער ליכטיגער שטערן פון אַ נײער וועלט.

**מ. נעש**, צייטווייליגער סעקר.

## טרויער רעזאָלוציע

מיר, די מיטגלידער פון האָליוואָוד ברענטש איקאָר, באַדויערן שטאַרק דעם פּלוצלומדיגן טויט פון שרה יעלין. מיר דריקן אויס אונזער טיפ־סטע סימפּאַטיע צו חבר׳טע ראָוז קוירטמאַן און חבר׳טע פעני יעלין אויף דעם פאַרלוסט פון זייער מוטער. מיר שיקן זײ אונזער טרייסט און מיטגעפיל.

מיר האָפן, אַז זײ וועלן געפינען אַ טרייסט אין דער ווייטערדיגער אַרבעט פון „איקאָר“ און אין דער אַרבעט פון דער גאַנצער אַרבעטער באַוועגונג.

**ט. גאָטסדאַנקער**, סעק.

## אויפגעלעבט די אַרבעט אין דעם נאָרט בראָנקסער איקאָר

צום ערשטן מיטינג אין די ערשטע טעג פון אָקטאָבער, האָבן מיר אַ חוץ די געוויינלעכע באַאַמטע אויך דערוויילט אַ קולטור־קאָמיסיע פון פיר, וואָס איר פונקציע איז: יעדן חודש צו־גרייטן אַ געהעריגע פּראָגראַם פון טעטיגקייט: אַ „סאָשעל“־אָוונט, אָדער עפּעס ענליכעס פאַר די אייגענע מיטגלידער, און צו דער זעלבער צייט געבן אַ געלעגנהייט צו פרעמדע מענטשן צו קומען אין אונזערע רייען און באַקענען זיך מיט אונ־זערע טעטיגקייטן. דעם ערשטן פּראָבע־אָוונט פון אַזאַ מין, האָבן מיר געהאַט שבת, דעם 24טן אָקטאָבער, אין חבר שטיינדל׳ס הויז. דער אָוונט האָט איבערגעשטיגן אונזערע דערוואַרטונגען: מיר האָבן געהאַט אַרום 35 מענטשן. דער טיש איז געווען געגרייט ניט ערגער ווי צו אַ באַנ־קעט. די אַטמאָספערע איז געווען אַן אינטימע, אַ וואַרימע. צום דערפאָלג פונם אָוונט האָט אַ סך בייגעטראָגן אונזער פאָרזיצער פון דעם אָוונט חבר סמיט.

חבר טיימאַן האָט אונז געגעבן עטלעכע רע־ציטאַציעס, און חבר׳טע פאָרסאַיט האָט זייער שיין געזונגען. חבר שטיינדל האָט זיך אויסגע־צייכנט מיט זיינס אַ הומאָריסטיש ליד וועגן די אַקטיווע חברים. אַנדערע האָבן אויף זייער שטייגער בייגעטראָגן צו פאַרשענערן דעם אָוונט.

חבר ראָלער האָט אין אַ רעדע פאַרן עולם אַרויסגעבראַכט ווי וויכטיג ס׳איז די אַרבעט פון בירא־בידזשאַן און די באַדייטונג פון דער אויטאָ־נאָמער טעריטאָריע פאַרן גאַנצן אידישן פאָלק. חבר׳טע ראָז האָט אַפּעלירט זיך אָנצושליסן אין איקאָר־ברענטש און ניט שטיין פון דער ווייטנס. מיר האָבן ביי בײדע געלעגנהייטן אַרייגענומען 5 מיטגלידער. דער אָוונט האָט אויך אַרייגע־בראַכט 12 דאָלאַר.

די וועטשערינקע האָט געמאַכט אַ שטיקל רושם אין אונזער געגנט. באַקאַנטע האָבן צו אונז טענות, וואָס מיר האָבן זײ ניט געלאָזט וויסן וועגן אַזאַ צוזאַמענקונפט.

מיר גרייטן זיך אויך דורכצופירן דעם 5טן דעצעמבער אַ פייערונג פון 19 יאָר סאָוועטן־פאַרבאַנד.

## טרויער־מיטגעפיל

דער סטעטן איילאַנד איקאָר ברענטש, דריקט אויס אין נאָמען פון אַלע זיינע מיטגלידער זיין חבר׳שן טרויער־מיטגעפיל צו דער פאַמיליע מויזל, אויף דעם פּלוצלונגן פריצייטיגן טויט פון זייער איינציגן זון אורווינג מויזל.

אייער פאַרלייכטערונג און טרייסט צו אייערע טיפע שמערצן זאָלט איר געפינען אין דער גע־זעלשאַפטלעכער אַרבעט פון העלפן אויסבויען אַ שטאַרקערן איקאָ־ברענטש.

**סטעטן איילאַנד „איקאָר“.**

## טרויער רעזאָלוציע

מיר דריקן אויס אונזער טיפן טרויער צו חבר מאיר אולאַנאָוו אויף דעם טויט פון זיין מוטער. זאָל די איקאָר אַרבעט אויסהיילן זיינע וואונדן.

**איקאָר סט. פּאָל, מינעסאָטא,**
ל ע ו י, סעק.